יודען, העלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

צוועלפטער יאָהרגאנג.

№ 27

[illegible] pocztowa opłacona ryczałtem. • "CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראָשען.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

פערטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

Piątek d. 30 czerwca 1933 — ליכט-צינדען 7,48 — פרייטאָג, פ' חקת ט' תמוז תרצ"ג.

זונטאג, ד. 9 יולי 4 נאכמ. אין לאָקאַל פון האַנדווערקער-פערבאנד, אלעע 12

קומט פאָר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדווערקער = באַנק

מיט פאָלגענדען טאָג אָרדנונג: 1) עפענונג פון דער פערזאמלונג און וואהל פון א פאָרזיצענדען. 2) אדורכלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פוריגער אלגעמיינער פערזאמלונג. 3) א) בעריכט פון דער פערוואלטונג פאַר'ן יאהר 1932. ב) בילאנס און רעכנונג פון געווין און פערלוסט פאַר'ן יאהר 1932. ג) בעריכט פון אויפזיכטס-ראט 4) בעריכט פון דער אדורכגעפיהרטער רעוויזיע דורכ'ן רעוויזיאָנס-פערבאנד פון דער קאָאָפּעראטיווער געזעלשאפט. אין פוילען. 5) אָננעמען דעם בילאנס און אָפּגעבען אַבסאָלוטאָריום דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראַט. 6) צוטיילען דעם ריווח און פערלוסטען. 7) בעריכט אויפ'ן יאהר 1933. 8) בעשטימען די גרעסטע פערפליכטונגס-סומע, וועלכע די באנק קען אויף זיך נעמען. 9) בעשטימען די גרעניץ פון גרעסטען קרעדיט, וואס עס קאן געגעבען ווערען יעדען מיטגליד. 10) וואהלען: א) 1 פערוואלטונגס-מיטגליד און 2 פערטרעטער ב) 3 מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראט און 3 פערטרעטער. עס טרעטען ארויס פון דער פערוואלטונג: ה' ב. באַטשאַן, פון ראט: ה"ה: וו. גאָסטינסקי, י. ראָזענבערג און מ. שיוועק.

ב ע מ ע ר ק ו נ ג : די מיטגלידער, וואס טרעטען ארויס קאנען נאָכאמאָל געוועהלט ווערען.

Fela Rzezak — Gustaw Szternberg

Zaręczeni

Częstochowa, w czerwcu 1933 r.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער גוסטאוו שטערנבערג מיט פרל. פעלא רזועאק

אונזערע הארציגסטע ברכות.

עלטערן און געשוויסטער.

אונזער קאָלעגע ה' גוסטאוו שטערנבערג צו זיין תנאים מיט פרל. פעלא רזועאק

א הארציגען מזל-טוב און אַ בליהענדע צוקונפט.

ווינשען:

ד. וואוידיסלאַווסקי, ב. ראָזענבלום, ראָכעלא ריפשטיין, א. בלום.

צו דער תנאים פון אונזער חבר גרונם שטערנבערג מיט פרל. פייגיל רזועאק

וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאג, דעם 25 יוני 1933

ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב

יוסף געלבער און כלה רוזשקע טשאָרנע.

ב"ה.

לידידינו מר שמעון כוינצקי ומר אברהם דוב זילבערשץ

ברכת מזל-טוב לנשואיהם.

המברכים: י. ל. וקסלר, י. מרקוביץ, י. ברנדס.

א הערצליכען מזל טוב און א גליקליכע בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר דעם הער

אינזש. ישראל קיסין צו זיין חתונה מיט פרל. צעשיא ראָזענבוים

געברידער זעלווער.

צו דער חתונה פון

אינזש. ישראל קיסין מיט פרל. צעשיא ראָזענבוים

א הארציגען מזל טוב און אלדאָס גוטס ווינשען

וואָלף לאנדוי און פרוי, מענדיל זעלווער און פרוי.

צו דער חתונה פון

ה' שמולעק באָרזשיקאָווסקי מיט פרל. העלא זיידבערג

א הארציגען מזל טוב און א גליקליכע בליהענדע צוקונפט

מרדכי מערין.

פיעל גליק און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער קוזינקע

סאלא גליקסמאַן צו דער חתונה מיט ה' משה בראַטמאַן

זייט גליקליך און צופרידען.

שמשון בראַט, פרוי און קינדער.

צו דער חתונה פון אונזער קוזין משה בראַטמאַן מיט פרל. שרה גליקסמאַן א גליקליכען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען

ראָכעלע ריפשטיין און א. בלום.

צו דער תנאים פון אונזער פריינד משה אַלטמאַן פון טשענסטאָכאָוו מיט פרל. ס. שערער אויס זאַוויערטשע, ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט.

ישראליק, מיעטעק, פיניעק, דאנעק.

אונזער געעהרטע פרעזעסין, די גרינדערין פון פרויען-פעראיין פר' ראכיל רובינשטיין צום איבערציהען זיך נאך טשענסטאָכאָוו

ווינשען מיר איהר, אז עס זאל איהר זיין מיט גרויס מזל און דאס גליק זאל זי שטענדיג בעגלייטען.

די פערוואלטונג פון קרישעפיצער פרויען-פעראיין.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטגליעד

ה' יהודה פראנק און פאמיליע

צום פלוצלינגען טויט פון זיין

מוטער געלא נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירשלים.

די גבאים, דאס קאָמיטעט און מתפללים פון דער שוהל „אהל יעקב", אלעע 4.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' לעאָן פראנק און פאמיליע צום טויט פון זיין ליעבע מוטער

געלא נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שער אבלי ציון וירושלים.

געברידער לייזער און יוסף ראָזענבוים.

צו דער חתונה פון אונזער חבר און פריינד

שמואל'יק באָרזיקאָווסקי מיט פרל. העלא זיידבערג

ווינשען א גליקליך צוזאַמענלעבען

א. שטשעקאָץ, י. שעפטעל, ה. העלמאַן, ע. באַטשאַן, י. שלינגבוים.

SUDOR PŁYN „AP. KOWALSKI" USUWA POT i NIEMIŁĄ JEGO WOŃ

צו פערדינגען אַ מעבלירט צימער

פאַרטער, אין פראָנט, ווארשאווער 24, געוואונשען פאר עלטערע, איינזאַמע מענשען, אָדער אָרענטליכע יונגערע מענשען, ערקינדיגען ביי בינם קליינער

פייערלעשער - זאל.

שבת 8 יולי 9 אָווענד

דער צווייטער קאנצערט

פון מענער-כאָר א. נ. פון א. ב. בירנבוים

ביים צענטר. האנדווערקער-פערבאַנד אָבט. אין טשענסטאכאוו

אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה. לעווקאָוויטש

ביים אָנטייל פון די בעסטע אָרטיגע קרעפטען און אַ פערגרעסערטען כאָר.

אין פראָגראַם: יור. פאָלקס לידער, קלאסישע שאַפונגען, אריעס, סאלא-נומערן.

א טייל פון דער הכנסה — פאר די געליטענע יודען אין דייטשלאנד.

בילעטען פון 49 גר. ביז 1.49 פריהער צו בעקומען אין דרוק. פון ה. באַטשאַן.

Starszy felczer

W. Dobryszycki

האט זיך איבערגעצויגען

פון נייעם מארק 5

אין דער ערשטער אלעע 6

הויז וועקסלער, ערשטער הויף, רעכטס, פאַרטער.

Szkoła Koedukacyjna i przedszkole Zofji Wajnsztokówny

z prawami szkół państwowych

przyjmuje zapisy nowowstępujących codziennie w kancelarji (ALEJA 20, II brama) od 11—1 i od 4—6 pp. Egzaminy systemem lekcyjnym, już się rozpoczęły. Do przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3. Dla niezamożnych ulgi. (Judaistyka, języki obce, rytmika, umuzykalnianie. Podczas sprzyjających pogód, lekcje w ogródku szkolnym).

W r. szk. 1933-4 prowadzony będzie komplet kursu 5 kl. gimn.

דער פענסיאנאט פון ה. ויסער

אין פאַראַי

איז געעפענט געוואָרען דעם 20 טשערוויעץ ד. י.

פרייזען ז. צוגענגליכע.

ווי יעדעס יאָהר עפענען מיר ביי אונזער פענסיאָנאַט

א ספּעציעלע אָבטיילונג פאַר קינדער.

פאַר קאָלאָניעס און גרופּעס ווייטגעהענדע הנחות.

2 razy w miesiącu otrzymuję świeżą krowiankę, którą codziennie szczepię ospę ochronną

Starszy felczer

ST. MITTLER

Częstochowa, Piłsudskiego 7

Tel. 8-04

ראטעוועט דאס געזונד

די בעריהמטסטע ערצטליכע וועלט-בערימטהייטען האבען פעסט געשטעלט, אז 75 פראָצ. קראנקהייטען ענטשטעהען צוליב אבסטרוקציע.

[illegible]

די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera [illegible]

[illegible]

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera [illegible]

[illegible]

Zioła z gór Harcu Dr. Lauera [illegible]

[illegible] ד"ר לאוער [illegible]

[illegible] 1.50 זל. [illegible] 2.50 זל. — פערקויף אין אפטייקען און סקלאד-אפטעקען.

ODCISKI ZGRUBIAŁĄ SKÓRĘ i BRODAWKI USUWA BEZ BÓLU i BEZPOWROTNIE KLAWIOL „AP. KOWALSKI"

אונזער חבר לייביש פראנק

צוליעב'ן טויט פון זיין מוטער

געלא נ"ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

סאָצ. פערבאנד פון דער אַרב.-יוגענד „פרייהייט", י. א. ס. ק. „הפועל".

אפשר וועט שוין פאַרט גענוג זיין!

די אַרומרייסענישען, וואָס הערשען צווישען די פערשידענע שיכטען פון יודישען פאָלק האָבען שוין דערגרייכט זייער קולימינאַציאָנס - פונקט, ערגער קאָן שוין נישט זיין.

אייגענע ברידער זענען זיך געוואָרען שונאים אויף טויט און לעבען, און יעדער איינער איז נאָר פערנומען מיט'ן גע[illegible]אַנק, [illegible] דעם צווייטען צו געב[illegible]קלאַפּ.

די געשיכטע דערצעהלט, אַז ירושלים איז חרוב געוואָרען נאָר צוליעב שנאת-חנם, צוליעב די אונזיניגע מחלוקת, וואָס האָבען געהערשט צווישען די יודען גופא.

אין אַ צייט, ווען די רוימער האָבען בעלאַגערט ירושלים, האָבען די יודען, וועלכע זענען געווען בעדראָהט פערניכטעט צו ווערען, אַלץ נישט געפונען דעם וועג פון פעראייניגונג, פון אַ געמיינזאַמער פערטיידיגונג, כדי זיך אַקעגענצושטעלען דעם שונא, נאָר אינערליך זיך ווייטער ארומגעריסען, געפיהרט אינטריגעס און אַ דאַנק דעם איז געלונגען די רוימער אַריינצודרינגען אין דער יודישער שטאָדט און צו בעזיעגען דעם שטאַרקען כמעט אומבעזיעגבאַרען געגנער.

און טאַקע אַ דאַנק דער דאָזיגער פּאַרטיי-ארומרייסעניש און מחלוקות איז יהודה געפאַלען, די היילגטומער פערניכטעט און דאָס פאָלק ישראל איז פערטריבען געוואָרען אין גלות; קנעכט זענען מיר געוואָרען סיי גייסטיג און סיי פיזיש.

די ליידען און רדיפות, פּאָגראָמען און אויטאָ דאַ-פע'ס, וואָס מיר האָבען געליטען אין משך פון אונזער גאַנצען גלות-לעבען, האָבען אונז נאָך אַלץ נישט בעפרייט פון דער דאָזיגער געפערליכער מחלה — די מחלה פון אַרומרייסענישען — וואָס ברענגט אַריין פערוויסטונג און אַ תוהו ובוהו אין אונזער אַזוי־אויך נישט ליכטיגען לעבען.

ביים היינטיגען טאָג זעהען מיר ווייטער צוריסען און צושפּליטערט. מענשען, יודען זעהען פאַר די אויגען דעם שונא, וועלכער לויערט אויף זייער לעבען און ווי אַ ווילדע חיה וויל ער זיי פערציקען, און דאָך פּרובט מען זיך נישט צו ווערען דורך פערשטאַרקען, פעראייניהייטליכען די אייגענע מחנה, וואָס זאָל זיין פעהיג אָבצושטויסען דעם אָנגריף, נאָר מיר אַליין, צווישען זיך, פיהרען אַ ביטערע מלחמה און במילא פערגרינגערען מיר דעם שונא, ס'זאָל איהם לייכטער אָנקומען אונז צו געבען דעם טויט-קלאַפּ.

קוקט מען זיך צו צו די אַרומרייסענישען אין דער ציוניסטישער מחנה, מיט וואָס פאַר אַנ'אייפער עס בעקעמפען זיך די לינקע ציוניסטען מיט די רעוויזיאָניסטען, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען און רעכט-יודישער איבערגעשפּיצטקייט דער קאַמף געהט אָהן — נעמט אָן אַ שוידער; ס'דאַכט זיך, אַז קיין שום אומה וואָלט נישט פעהיג געווען אַזוי צו האַסען דעם געגנער.

און זאָל מען זיך אָפען זאָגען — דאָס זענען דאָך נישט קיין געגנער, וועלכע שטרעבען צו פערשידענע אידעען; סיי די רעוויזיאָניסטען, סיי די לינקע שטרעבען דאָך צו איין און דעם זעלבען ציעל, אויפצובויען ארץ-ישראל פאַר'ן עם ישראל, און דאָך, וואָס פאַר אַ תהום ליגט צווישען זיי ביידען. ס'איז גענוג צו נעמען אין האַנד זייערע אויסגאַבען און איהר וועט זעהן, אַז מען זייהט שנאה און האַס, פערניכטונג און פערוויסטונג, וואָס אמאָל צופלאַקערט זיך טאַקי די שנאה אַלץ גרעסער, דער אבגרונד ווערט אַלץ טיעפער און שרעקליכער און אַז דאָס אַלץ איז נישט קיין מיטעל פאַר אונזער דערהויבונג און בעפרייאונג, נור אַ דערנעהנטערונג פון אונזער חורבן איז דאָך אַ פאַקט.

נעהמט מען ווידער די יודישע קליינהענדלער-מאַסען—אויך זיי שטעהן אויפ'ן שוועל פון אַבגרונד, דער שווערער שרעקליכער קריזיס האָט אַממעהרסטען געטראָפען דעם יודישען קליין-סוחר, וועלכער איז געגליכען צו דעם קול עלה נדף, פון אַלע זייטען לויערען אויף איהם די שרעקליכע אויגען פון מלאך המות, וועלכער וויל איהם פערניכטען, אנשטאט זיך צו פעראייניגען, כדי אָבצוּווענדען דעם בייזען שונא'ס פּייַלען, רייסט מען זיך אָבער אַרום צווישען זיך און מ'זייהט שנאה און האַס, וואָס ברענגט צו פערניכטונג און טויט.

ווער עס קוקט זיך צו צו די לעצטע געשעהענישען אין אונזער שטאָדט ווערט אויפגעשווידערט פון חרפה און פערצווייפלונג. דער זייטיגער יוד שעמט זיך פאַר זיך אַליין, שעמט זיך פאַר דעם נאָמען מענש און יוד, זעהענדיג, וואָס איין יוד טהוט אָב דעם צווייטען, ווי איין קליינהענדלער מאַכט מיט זיינע אייגענע הענד חרוב דעם צווייטען קליינהענדלער.

אַ גרויל און אַ חרפה נעמט אַרום יעדען יחיד, צוזעהענדיג צו וואָס פאַר אַ מדרגה מיר זענען דערגאַנגען, אַלס קנעכט און שקלאַפען האָט מען אונז פערטריבען און אַזעלכע זענען מיר ליידער געבליבען ביז-איצט. דאָס שווערע, טרויעריגע לעבען, וואָס מיר האָבען אַדורכגעמאַכט אין משך פון טויזענדער יאָהרען האָט אונז גאָרנישט אויסגעלערנט. פערקעהרט, מיר זינקען אַלץ טיעפער אין דעם זומפ פון בלינדער שנאה און האַס צו אונזערע אייגענע ברידער.

ווי לאַנג קען אָבער פאָרט אַזאַ אונערטרעגליכע לאַגע אָנהאַלטען. ס'דאַרף דאָך ערוואַכען אין אונזער מוח דער געדאַנק, אַז אויך מיר, יודען, וועלכע פרעדיגען אַזוי פיעל וועגען ליעבע און פרייהייט צו אַנדערע, ביי וועמען דער דעוויז איז: ואהבת לרעך כמוך— אַז מיר זאָלען די דאָזיגע לאָזונג אויך אָנווענדען בנוגע אונז, בנוגע אונזער אייגענער מחנה.

דערווייל איז ביטער, דאָס גאַנצע יודישע פאָלק איז צוריסען און צושפּליטערט, אַ אונערטרעגליכע מלחמה ווערט געפיהרט צווישען זיך זעלבסט און דער שונא שניידט דערווייל די פרוכטען פון אונזער חורבן.

זאָל דעריבער דאָס יודישע געוויסען דערוואַכען, זאָל מען זיך בעזינען, איידער עס ווערט צו שפּעט.

אפשר וועלען שוין די אומזיסטע מחלוקות און שנאת-חנם דאָך אויפגעהערט!

אפשר וועט שוין פאַרט גענוג זיין!

ב—ן

פוצט מעטאַלען.
Sidol
שויבען, שפּיגלען, גלאַזוואַרג און מאַרמאָר
בלענדענד

דער רעפעראַט פון מאיר גראַסמאַן אין טשענסטאָכאָוו.

א וואונדערבאַר מייסטער-ווערק איז געווען דער רעפעראַט פון וויצע-פּרעזידענט פון ציוניסטען רעוויזיאָניסטען-פערבאַנד, וועלכער איז געהאַלטען געוואָרען מיטוואָך אָוונד אין זאַל פון די פייערלעשער.

די פערזאַמלונג האָט געעפענט ה' בראַטמאַן. ער בעגריסט דעם חשוב'ן גאַסט און בעט גלייכצייטיג דעם עולם צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דאָס אנדענקען פון דעם טראַגיש אומגעקומענעם ד"ר ארלאָזאָראָוו.

דער רעפערענט האָט אין זיין ערשטען טייל אָבגעגעבען אַ לעבעדיגען גרוס פון ארץ-ישראל, וואו ער איז געווען אַ רייהע מיט יאָהרען און מיטגעווירקט צו דער ענטוויקלונג פון לאַנד פאַר'ן אויפבוי פון יודישען פאָלק.

דער חשוב'ער רעדנער האָט אין לעבעדיגע פאַרבען געשילדערט דעם מהות פון ארץ-ישראל, וועגען די שטעדט און דערפער, וואָס ווערען געבויט דורך יודישע הענד און די שטערונג, וואָס זיי האָבען סיי מצד די אַראַבער ווי אויך פון דער ענגלישער מאַנדאַטאַרן-מאַכט.

שווער, זעהר שווער קומט אָן אויפצובויען ארץ-ישראל אַלס אַ יודישע מלוכה. און נאָך שווערער איז פאַר'ן יחיד ווען ער וויל בויען זיין צוקונפט אין ארץ-ישראל. יעדער יוד, וועלכער געהט קיין ארץ-ישראל מוז ריזיקירען.

עס מוז קאָסטען קרבנות צו בויען זיין לאַנד, זיין צוקונפט, אָבער בלייבענדיג טריי די גרויסע ערהאַבענע אידעע פון הערצל, זענען מיר זיכער אין אונזער נצחון.

אין צווייטען טייל פון זיין זעהר אינטערעסאַנטען רעפעראַט האָט דער חשוב'ער רעדנער ענטוויקעלט די פּלאַטפאָרם פון די רעוויזיאָניסטען צום 18-טען ציוניסטען קאָנגרעס, וואו ער האָט מיט לאָגישע אַרגומענטען בעוויזען, אַז נאָר די וועגען און מעטאָדען, מיט וועלכע די רעוויזיאָניסטען געהן, פיהרען צום ציעל אויפצובויען אַ יודישע מלוכה אין ארץ-ישראל אויף ביידע זייטען פון ירדן.

מיט לאַנגדויערענדע אַפּלאָדיסמענטען און הילכיגע אָוואַציעס ווערט דער רעפערענט בעגריסט פאַר זיין זעהר אינטערעסאַנטען רעפעראַט און ס'ווערט געזינגען די התקוה.

שפּעט אין אָוונד איז אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרגעקומען אַ גלעזיל טהיי לכבוד דעם גאַסט. צווישען אַנדערע האָט געהאַלטען אַ זעהר אונטערעסאַנטען רעפעראַט דער מיטגליד פון אַקציאָנס-קאָמיטעט און דירעקטאָר פון דער לעגאַלער עקזעקוטיווע אין פּוילען ב. וויינשטיין (העברעאיש), דאַן שטעלען די אָנוועזענדע אַ רייהע פראַגען, אויף וועלכע ה' גראַסמאַן ענטפערט אָב און אַלע אַנוועזענדע ווערען בעגייסטערט און דאַנקען הארציג דעם גרויסען פיהרער.

4 פאַרטאָגס איז דער עולם זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

ביי דער געלעגענהייט מוזען מיר אָבער בעמערקען, אַז די האַלטונג פון אַ טייל אַנוועזענדע אויפ'ן רעפעראַט איז געווען סקאַנדאַליעז און בעוויזט די טיעפע דעמאָראַליזאַציע, וואָס הערשט ביי דער יוגענד.

מיאוס, זעהר מיאוס האָט די יוגענד געגעבען אַנ'עקזאַמען פון איהר פּאָליטישער רייפקייט. ה' גראַסמאַן האָט זיך אָבער נישט געלאָזט שטערען און האָט זיין רעפעראַט אינגאַנצען פערענדיגט.

פפלעגען די האָר אום זומער.

די געעהרטע לעזערינס איז געוויס בעקאַנט, אַז די האָר פערלאַנגען אום זומער אַ ספּעציעלע פפלעגע, ווייל שטויב, שווייס און זון ווירקען זעהר שלעכט אויף זייער אויסזעהן. דעריבער האָט די בעקאַנטע פירמע „קאָלאָנטיי" געהאַט אַ גוטען איינפאַל, אונטערנעמענדיג די פאַבריקאַציע פון זייער „שעמפּונאַל", פערשפּאַרענדיג די קליענטינס די זאָרג פון פפלעגען די האָר. מיליאָנען פרויען נוצען היינט דאָס אויסגעצייכענטע מיטעל צו פפלעגען די האָר און זענען דערפון ענטציקט. אַלע פרויען זענען פון קאָלאָנטיי'ס שעמפּונאַל פונקט אַזוי צופרידען ווי פון דער „זייף מיט'ן וואַש-ברעטיל" ווייל ביים קויפען די דאָזיגע גוטע זייף בעקומט מען אַלס פּרעזענט אַ פּעקיל שעמפּונאַל אין דער ווערט פון 40 גר. ביים איינקויפען „זייף מיט'ן וואַש-ברעטיל" דאַרף מען פאָדערן אַנ'-אָריגינעל פּעקיל קאָלאָנטיי'ס שעמפּונאַל — דאָס איז דער גינסטיגסטער איינקויף פון דער הויז-פרוי.

(9

די לעצטע טעג פון יהודה.

היסטאָרישער ראָמאַן פון **ה. פ. שומאַכער.**

(פאָרטזעצונג).

בירעניקה האָט נישט געציטערט, ווען דער המון האָט, נאָך איהר פאָטער'ס טויט, צושטערט איהר פּאַלאַץ און מיט די פיס איהר באַלד געטרעטען.

זי האָט זיך נישט דערשראָקען ווען זי איז געווען אין ירושלים און די סאָלדאַטען פון פלאָרוס האָבען זי אַרומגערינגעלט מיט די שווערדען אין די הענד. נאָר איצט, איצט האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז די גאַנצע ערד ליגט אויף איהר האַרץ און שטיקט זי. מאַנכע מאָל האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי איז שוין טויט און שדים שוועבען אַרום איהר.

קאָן דען פון שאַנד עהרע ענטשטעהן?

די שאַנד, וועלכע זי וועט אויף זיך נעמען וועט אויף אייביג פערבלייבען אַ זינד געגען איהר גאָט, זי וועט ווערען אַ קעבס-ווייב ביי דעם פרעמדען.

קאָן דען אַ מענש נעמען אויף זיך אַ שאַנד און דורך דעם צו הייליגקייט ז'ערגרייכען?

קאָן דען פון שאַנד ענטשטעהן די גאולה?

פּלוצלונג האָט זיך אַ פונק בעוויזען אין דעם שטורם און דער שטראַהל איז אַזוי זיס, אָנגענעהם, געלאָסען בעהערשט ער דאָס האַרץ און בערוהיגט איהרע שטורמישע געדאַנקען.

ווי אין חלום זעהט זי דאָס געשטאַלט פון דעם שעהנעם יונגערמאַן מיט די שוואַרצע לאָקען אויף דעם קאָפּ. פון דער וואונד אין שטערען רינט בלוט און דאָס זאַמד טרינקט מיט דורשט דאָס טריפענדע בלוט.

דעם יונגערמאַן האָט זי צום ערשטען מאָל בעמערקט, ליגענדיג פערוואונדעט אויף דער ערד. די שטראַהלען פון דער זון האָבען בעלויכטען דאָס יונגע געזיכט, אַריינגעדרינגען אין זיינע גרויסע און טיפע אויגען, וועלכע זענען געווען פול מיט טרוימען. די אויגען קוקען אויף איהר שטיל, מיט גלויבען און דאָך זעהט זיך אַרויס אַ שטילער טרויער, וועלכער דערציטערט יעדעס האַרץ.

איז דען דאָס גאַנצע פאָלק נישט עהנליך צו דעם יונגענמאַן?

— בירעניקה!

ווער האָט זי גערופען, ווער האָט צושטערט איהרע הייליגע חלומות?

דאָס האָט אַגריפּאַס זי אויפגעוועקט, אַ שרעקליכע קעלט האָט איהר האַרץ איינגעשרומפּט. זי זעהט איהר ברודער מיט זיינע דורכדרינגענדע אויגען. זי בעט איהם אויפהערען, זי צו-רוה לאָזען.

אַגריפּוס בעמערקט דאָס נישט. ער דערצעהלט, אַז מאָרגען וועט זיין משפט פאַרקומען, מאָרגען וועט מען איהם צום טויט פעראורטיילען. ווייל איהם עמיצער רעטען, מוז ער דאָס טהון באַלד. נאָך היינט געהט אַספּסיינוס און זיין זוהן טיטוס אויפ'ן באַרג כרמל, וואו ער וועט מקריב זיין אַ קרבן צום יודישען גאָט און בעטען ער זאָל איהם איבערגעבען דעם פיינד. דאָרט איז דאָס בעסטע אָרט, וואו דו וועסט זיך זעהען מיט טיטוס'ן און ווירקען אויף איהם.

זאָל בירעניקה טהון ווי זי פערשטעהט, זי וועט שוין וויסען ווי אַזוי צו ווירקען.

בירעניקה הערט נישט. עס ווייזט זיך איהר אויס, אַז זי שוועבט צווישען הימעל און ערד, איבער די שטערען. זי איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, צוגעגאַנגען צו דער טהיר.

אַגריפּאַס איז איהר נאָכגעגאַנגען.

ער האָט בעמערקט אַ שרעק אויף איהר פּנים. פייער האָט פון איהרע אויגען געשפּריצט און ער האָט זיך צוריקגעצויגען.

דערנאָך האָט ער זיך צולאַכט.

— זי קעמפט מיט זיך! איך ווייס אָבער, אַז זי וועט טהון, וואָס איך פערלאַנג! זי וועט דאָס טהון!

אַגריפּאַס איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. אין פאָדער-הויז האָט ער בעגעגענט דעם הויז-פערוואַלטער טאָמאַסטוס. אַגריפּאַס האָט פריינדליך אַרויפגעלעגט די האַנד אויף זיינע פּלייצעס און שטיל געזאָגט.

— אין אַ שעה אַרום זאָל זיין גרייט דאָס ביידעל, אין וועלכען די קעניגין וועט אַרויסגעהן. זאָלסט זי דערמאָנען וועגען באַרג כרמל.

— כרמל? — האָט דער פערוואַלטער איבערגעפרעגט.

— יאָ, מיר וועלען אָהין געהן מקריב זיין קרבנות—האָט דער קעניג געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

אַרויסקוקענדיג אויפ'ן גאַס האָט אַגריפּאַס בעמערקט אַספּסיינוס'ן און טיטוס, וועלכע זענען געגאַנגען צום באַרג כרמל.

אַגריפּאַס האָט זיך צולאַכט:

— נישט צו גאָט, נאָר צו אַ פרוי געהסטו מיין טייערער טיטוס!

אין לאַזאַרעט איז געלעגען דער אַלטער יוד, וועלכען מען האָט געפונען פערוואונדעט צווישען די בוימער ביים גליל-טויער.

— וואָסער, וואָסער!—האָט דער פערוואונדעטער געבעטען, אַ פייער האָט אין זיין קערפּער געברענט.

דער רופא האָט אַ קוק געטהון אויף פראַנטאַ און געפרעגט צי ער זאָל געבען.

— ער שווייגט נאָך — האָט פראַנטאַ געענטפערט און נישט געלאָזט איהם געבען קיין וואָסער. אַ בייזער שמייכעל האָט אויף זיין געזיכט געשפּיעלט.

ווען מען האָט דעם פערוואונדעטען יוד געבראַכט אין לאַזאַרעט אַריין האָט דער רופא איהם איינגעגעבען אַ רפואה, איהם אויפגעמינטערט. באַלד איז צוגעגאַנגען פראַנטאַ און אָנגעהויבען די אויספאָרשונג:

— פון וואַנען קומסטו? קאָנסטו יוחנן פון גוש חלב?

דער אַלטער האָט געשוויגען און מיט עקשנות געקוקט אויפ'ן רוימער.

— ווערסטו ענדליך עפענען דיין מויל?

דער יוד האָט זיך צולאַכט. פראַנטאַ האָט זיך אויך צולאַכט און זיין קול האָט דערציטערט אַלע אַנוועזענדע. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום רופא און בעפוילען:

— זאַלץ!

סילוויאוס איז פערצאַפּעלט געוואָרען, דער רופא האָט זיך אויך דערשראָקען. פראַנטאַ האָט נאָכאַמאָל שטרענג בעפוילען. דאַן איז צוגעגאַנגען דער רופא, אַראָבגענומען דעם באַנדאַזש, איהם איינגעטינקט אין זאַלץ - וואָסער און אַרויפגעלעגט אויף דער וואונד.

דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה.

דאָס געזיכט פון דעם אַלטען יוד איז געוואָרען שרעקליך, אויפ'ן שטערען האָט זיך בעוויזען שווייס, די אויגען זענען ווי פון קאָפּ אַרויס און דער גאַנצער קערפּער האָט געגליהט.

— וואָסער, וואָסער!

— וועסטו עפענען דאָס מויל, וועסטו רעדען?

דער אַלטער האָט פערביסען מיט די ליפּען, צוזאַמענגעקוועטשט די פויסטען און אויף זיינע ליפּען האָט זיך בעוויזען אַנ'עקשנות'דיגער שמייכעל.

פראַנטאַ האָט בעפוילען צוצוגעבען נאָך זאַלץ, נאָר דער פערוואונדעטער האָט דאָך דאָס מויל נישט געעפענט.

דערלאַנגט מיר די הייסע קויהלען — האָט פראַנטאַ בעפוילען.

פראַנטאַ האָט אונטערגעשטעלט די ברענענדיגע קויהלען אונטער דעם געלעגער. די היץ איז געוואָרען אונערטרעגליך. דער פערוואונדעטער האָט זיך געוואָרפען אין שרעקליכע יסורים און געפּליסטערט:

— וואָסער, וואָסער!

— וועסטו עפענען דיין מויל, וועסטו רעדען?

ווי אַ וואָלקען האָט דעם אַלטען יוד איינגעהילט, זיינע אויגען פערשטעלט, זיין פערשטאַנד בערויבט.

— פרעג.

פראַנטאַ האָט אָוועקגעשטעלט די ברענענדיגע קויהלען און דער אַלטער ברוס האָט שטיל דערצעהלט:

— איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט רעואל, דעם זוהן פון יוחנן גיש חלב. קיין עכו זענען מיר געגאַנגען, וואו עס געפינט זיך זיין שוועסטער תמר אין דעם הויז פון איהר פעטער יעקב דער אייל-הענדלער. רעואל האָט געוואָלט מיטנעמען זיינע קרובים און אוועקגעהן קיין גוש חלב. דערווייל האָט רעואל אויך געזאָלט גענוי אויספאָרשען, וואָס פאַרא אַרמעע אַספּסיינוס האָט מיטגעבראַכט און וואָס ער רעכענט צו טהון.

נישט ווייט פון עכו איז אַ מיליטער-אַבטיילונג. וואָס געהער צו דעם יודישען שטאַטהאַלטער יוסף, דעם זוהן פון מתתיהו, אונז בעפאַלען און נאָך אַ שווערען שלאַכט זענען רעואל און זיינע מענשען פערניכטעט געוואָרען. ער, ברוך, איז געפאַלען פערוואונדעט און ערשט פאַרטאָגס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. וואו רעואל איז אהינגעקומען ווייסט ער נישט.

(פאָרטז. קומט).

ד"ר יוסף קלויזנער.

דער איינציגער.

שפּעטער מיט אַ פּאַר חדשים וועט פאַרקומען דער 18-טער ציוניסטישער קאָנגרעס. עס וועלען מסתמא זיך ווידער איבערחזר'ן די אַלטע מחלוקות און רייסענישען אַרום בודזשעט-פראַגען, אַראַבישע פראַגע און נאָך אַזעלכע ענינים, וואס רופען אַרויס אויף אַלע קאָנגרעסען פיעל וכוחים און אַמפּערייען, אָבער וועלכע לאָזען איבער, ליידער, זעהר ווייניג פּאָזיטיווע רעזולטאַטען נאָך זיך.

מיר זענען שוין לאַנג זאַט מיט די אַלע קריגערייען, וואס שפּילען זיך אָב אויף אונזערע קאָנגרעסען; מיר לעבען אין אַ צייט, ווען די הויפּט - ראָלע שפּיעלט און קען שפּילען נאָר דער טהאַט, אָבער נישט קיין רייד, ווי שעהן זיי זאָלען נישט זיין.

דאס הייסט נישט, נאַטירליך, אַז מיר קענען זיך לחלוטין בעגעהן אָהן קאָנגרעס. די פריהערדיגע קאָנגרעסען, וואו הערצל און נאָרדוי זענען אַרויסגעטרעטען מיט זייערע היסטאָרישע רעדעס אין וועלכע זיי האבען געגעבען אַנ'אויסשפּעפּענדען אויסדרוק דעם יודישען צער און וועהטאָג, ליגען אונז נאָך אין טעם. און אויב דאַמאָלס איז נויטיג געווען צו לאָזען הערען פאַר דער וועלט אונזער „אני מאשים" (איך בעשולדיג), איז עס יעצט אוודאי און אוודאי נויטיג, ווארום איך האַלט, אַז נאָך קיינמאָל האָט אונזער פאָלק נישט דורכגעמאַכט אַזאַ שווערע און יסורים-פולע צייט, ווי אין די לעצטע עטליכע יאָהר.

אין אונזער גלות-לעבען האָבען מיר צו פאַרצייכענען אַזעלכע טרויעריגע פּעריאָדען, ווי די גזרות תת"נו, גרוש ספרד, גזירות ת"ח און ת"ט, די פּאָגראָמען אין 1905 און 1919, אָבער דאַמאָלס האָט זיך געגאָסען אונזער בלוט, מען האָט פאַרפייניגט אונזערע גופים, איצט אָבער געהט אָן אומעטום כמעט אַ פּראָצעס פון פאַרניכטען אונזער נשמה צוזאַמען מיט'ן גוף. דאַמאָלס האָבען ווילדע מאַסען געבושעוועט און געטרעטען מיט די פיס די שוצלאָזע און רעכטלאָזע יודען. איצט אָבער האָבען רעגירונגען אויף אַ געזעצגעבערישען וועג און מיט דער הילף פון דער שטודירענדער יוגענד—די בעסטע טיילען פון אַ פאָלק—זיך פאַרמאָסטען אָקעגען אונז, שטעלענדיג זיך די אויפגאַבע אונז אַראָבצוטרייבען פון יעדער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער פּאָזיציע, וואס מיר האָבען פאַרנומען ביז אַהער.

און מען דאַרף קענען געבען אַנ'אויסדרוק און שילדערן דאס צער'פולע לעבען פון אַ געיאַגטער און געפּלאָגטער אומה. מען דאַרף און מען מוז לאָזען הערען פאַר דער גאַנצער וועלט דעם מעכטיגען און ערשיטערנדיגען יודישען פּראָטעסט-געשריי; עס מוז דורך אונז און פון אונז קלאָר ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז כל-זמן מיר, יודען, וועלען נישט קומען צו אונזער אייגען לאַנד, צו אונזער מדינה, וועט אויך זי, די אַרומיגע וועלט, נישט וויסען פון קיין רוה.

ווער-זשע זאָל לאָזען הערען דאס מעכטיגע וואָרט אויף דעם נעכסטען קאָנגרעס?

נישט איינער פון אונזערע יעצטיגע ציוניסטישע מנהיגים קענען דאס טהון, ווייל זיי וועלען, ערשטענס, נישט וואַגען צו רעדען מיט דעם געהעריגען טאָן. צו-אָפיציעלע פּאָסטענס פאַרנעמען זיי ביים היינטיגען טאָג, כדי צו קענען רעדען קלאָרע און שאַרפע דבורים אַקעגען די אַלמעכטיגע פון דער יעצטיגער אייראָפּאַ; און, צווייטענס, זענען זיי, אַלס „רעאַלע פּאָליטיקער", געוואוינט תמיד צו פשרות. עס פעהלט זיי דער אינערליכער גלויבען אין דער זאַך, וועלכע זיי געהן פאַרטיידיגען, זיי פאַרמאָגען נישט, דאס אינערליכע פייער, די פלאַקערענדע אמונה אין דעם, וואס זיי וואָלטען געדאַרפט לאָזען הערען פאַר דער אַרומיגער וועלט.

ס'איז פאַרהאַן בלויז איין מענש ביי אונז, וועלכער איז יאָ מסוגל דאס צו טהון—זאב זשאַבאָטינסקי איז זיין נאָמען.

אַ רעדנער מיט גאָט'ס גנאָד, אַ מענש, וואס שטרעבט כסדר צום מאַקסימאַלען און גלויבט אין דער פערווירקליכונג פון זיינע שטרעבונגען. ער איז דער איינציגער, וואס חלום'ט פון אַ גרויסען ציוניזם, וועלכער טראָגט אין זיך אַ לעזונג פון די יודישע, עקאָנאָמישע און מלוכה'שע פּראָבלעמען. און נישט בלויז פאַר די 16 מיליאָן יודישע יחידים, נאָר פאַר אונזער אומה אַלס אַזעלכע, איז ער אָבער, זשאַבאָטינסקי, היינט אין דער אָפּאָזיציע און די ציוניסטישע מנהיגים, ווי אויך די פיהרער פון די אַרבייטער, זענען זיינע שונאים. איז דען מעגליך, אַז צוליעב דעם יעצטיגען פאַראַנטוואָרטליכען מאָמענט אין לעבען פון אונזער פאָלק זאָלען די מנהיגים און די הערשער אויף אַ ווײַלע פאַרגעסען זייער געגנערשאַפט צו זשאַבאָטינסקי'ן? ס'איז זעהר מעגליך, אַז אין יעצטיגען מאָמענט, ווען עס הערשען אַמביציעס און קליינליכקייטען אין אונזערע רייהען, זאָל סיי זשאַבאָטינסקי און סיי די פיהרער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע נישט מספּים זיין צו רעדען אויפ'ן קאָנגרעס דאס, וואס ס'איז אַזוי נויטיג צו לאָזען הערען פאַר דער וועלט.

ליידער, זעה איך נישט קיין אַנדערן, אַ חוץ זשאַבאָטינסקי'ן, וועלכער זאָל קענען אויספילען די דאָזיגע מיסיע אויף דעם נעכסטען קאָנגרעס.

דייטשע יודען פיהלען, אַז זיי ווערען געשטויסען אין א נייער געטאָ.

(אַ בריעף פון פּאַריז).

פון דוד איינהארן.

וואס שפּעטער עס קומען די קלעפּ אויף די דייטשע יודען, אַלץ שטילער זענען זיי.

דער ערשטער קלאַפּ האָט געווירקט ווי מיט אַ האַמער איבער'ן קאָפּ, איצט קומען די דייטשע יודען צו זיך. זיי קוקען זיך אַרום אויף די חורבות פון זייער לעבען און וואס מעהר זיי קוקען, אַלץ מעהר זעהען זיי, אַז עס איז קיין האָפנונג מעהר נישטאָ.

דער חורבן איז אַזוי גרינדליך דורכגעפיהרט געוואָרען, אַז אויב עס וועט דעם נעכסטען יאָהר נישט בעסער ווערען, נאָר, ווי זיי גלויבען אַלע, עס וועט ווערען ערגער, דאַן בלייבט מעהר נישט ווי נעמען דעם שטעקען אין אויסוואַנדערן.

מען הויבט אָן זיך צוצופּאַסען צום אומגליק. דאס איז נאַטירליך ביי די, וואס האָבען שוין ביי זיך בעשלאָסען אָוועקצוגעהן און זיי וואַרטען נאָר אויף די געהעריגע געלעגענהייט. ביי די אָבער, וואס קאָנען נישט אויסוואַנדערן און מוזען בלייבען, הויבט אָן צו וואַקסען אַ גאַנץ נייע שטימונג.

— מיר ווייסען גאַנץ גוט—האָט מיר געזאָגט אַ יונגער יודישער סוחר, וואס איז נאָר וואס געקומען פון בערלין — מיר ווייסען גאַנץ גוט, אַז קיינער קען אונז נישט העלפען און אויב מיר וועלען זיך אַליין נישט העלפען, דאַן בלייבט נאָר איין גאָט.

— אין אויסלאַנד גלויבען מיר נישט —האָט מיר אַ צווייטער, אַ נאָר וואס אַריבערגעקומענער יוד, געזאָגט—דער באָיקאָט וועט די דייטשען נישט איבערצייגען און נישט אָבשרעקען. זיי זענען אַזוי טיעף פאַרזינקען אין מיטעלאַלטער, אַז דער יודען - האַס איז געוואָרען ביי זיי אַ רעליגיע. היטלער וועט קענען די ערשטע פאַר יאָהר בלויז מיט'ן יודען - האַס הערשען, און וועט קענען רוהיג אין בעצוג צו די אַרומיגע פעלקער געהן אויף קאָמפּראָמיסען. און קיינער וועט נישט געהן ערקלערען קריעג היטלער'ן צוליעב די דייטשע יודען. עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסען, אַז אונטער'ן מאַראַלען דרוק פון דרויסען און אַ געוויסער איבערזעטיגונג מיט'ן אַנטיסעמיטיזם, פון אינעווייניג וועט די ווילדע רציחה אַ ביסעלע אָבגעשוואַכט ווערען, און דער טייל פון יודען, וואס וועט בלייבען, וועט מוזען איבעראַנדערשען זייער לעבען און אָבזאָגען זיך פון יעדען אַנטייל אין דער דייטשער פּאָליטיק און גייסטיגען לעבען.

— דאס הייסט צוריק אין דער אַמאָליגער געטאָ?—האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט דעם דייטשען יוד.

— יאָ, צוריק אין געטאָ — האָט ער מיר שטיל געזאָגט — עס בלייבט אונז מעהר נישט איבער.

אַ דייטשער אַנגעזעהענער רב, וואס איז אַ פּאָר טעג געווען אין פּאַריז, האָט עס אָפען געזאָגט:

— מיר מוזען זיך אָבזאָגען פון דרויסיגען לעבען. מיר מוזען זיך אומקעהרען צו אונזערע עלטער-עלטערן-זיידעס, מיר מוזען זיך אָבשליסען ווי אין מיטעלאַלטער און געפונען אין אונזער גאָט אַ בערעכטיגונג אויף אונזערע ליידען.

לויט ווי די אָנקומענדע יודען גיבען איבער, וואַקסט די דאָזיגע בעוועגונג פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער, די סינאַגאָגעס און שוהלען ווערען פולער. עס קעהרען זיך אום מענשען, וואס זייערע זיידעס האָבען שוין נישט געוואוסט פון יודישקייט און מען זוכט אַ וועג צוריק צו דעם אַמאָל.

די בעסערע אינטעליגענץ זוכט אַ וועג צו די מזרח - יודען, אין פּאַריז, צום ביישפּיל, לערנען זיך מאָסען דייטשע יודען—יודיש.

— אייך מזרח-יודען איז גוט — האָט מיר אַ דייטש-יודישער פּראָפעסאָר געזאָגט — איהר האָט אַנ'אינערליכע, גייסטיגע היים, וואוהין אַוועקצוגעהן, איהר האָט אַ שפּראַך, איהר האָט אַ קולטור, אַ ליטעראַטור, אַ פּרעסע, איהר נויטיגט זיך נישט אין אַ צושטימונג פון דרויסען. איהר דאַרפט קיינעם נישט. אין אַ צייט פון נויט זענט איהר צוזאַמען. מיר זענען ווי יתומים, פון דייטשען הויז האָט מען אונז אַרויסגעוואָרפען און מיר האָבען אפילו נישט, וואו אַ גייסטיגען דאַך איבער'ן קאָפּ צו געפינען.

די געשעהענישען אין דייטשלאַנד וועלען האָבען טיעפע פאָלגען אויפ'ן גאַנצען יודישען לעבען. אונטער דעם אַנטיסעמיטישען דרוק וועלען אויפשטעהן נייע בעוועגונגען ביי די דייטשע יודען, וואס וועלען זוכען אַנ'ענטפער אויף די ליידען, אויף דעם „פּאַרוואָס" און אויף דעם „צוליעב וואס". עס איז נאָר אַ פראַגע, וואס פאַר אַ ענטפער זיי וועלען בעקומען אין די האַלב-טונקעלע סינאַגאָגען אין די פינסטערע איינזאַמע נעכט מיט זיך אַליין.

— יעדענפאַלס—האָט מיר דערזעלבער פּראָפעסאָר געזאָגט — וועט דאס שוין נישט זיין קיין רעפאָרמאַציע, קיין מאָדערנע יודישקייט די האַלב-יודען און פּערטעל-יודען, וואס קעהרען זיך צוריק אום, וועלען זיך נישט בענוגענען מיט'ן קומען איינמאָל אין יאָהר צו כל-נדרי און נישט מיט'ן כאַראַלען געזאַנג אויפ'ן שטייגער פון די דייטשע קירכעס, זיי וועלען זוכען עפּעס טיעפערעס און שווערערעס.

— די מיסיע, יאָ די מיסיע—האָט אַ יונגער פילאָזאָף מיט אויפרעגונג מיר איבערגעריסען, ווען איך האָב דאס וואָרט געזאָגט מיט אַ שטילען שפּאָסיגען טאָן.

— די מיסיע! ישעיה הנביא האָט דער ערשטער ערקלערט די אידעע פון פעלקער-פרידען און פעלקער-פערברידערונג, מיר זענען געווען די ערשטע וואס האָבען געקעמפט געגען שקלאַפעריי און פאַר פרייהייט, געגען בלוט-פערגיסונג און פאַר מענשען-ליבע, און פון דאַן אָן ברענט מען אונז און מען פייניגט אונז צוזאַמען מיט אַלע איידעלע מענשען פון דער וועלט, לעצט אונזער געשיכטע, מיר האָבען קיינמאָל נישט געליטען מיט די ערגסטע פון דער מענשהייט נאָר מיט די בעסטע. און שטענדיג זענען אונזערע פּערפאָלגער געווען די פינסטערסטע טיילען פון דער מענשהייט. אויך איצט ווערען מיר געפייניגט מיט די בעסטע פון דייטשלאַנד.

איך האָב דעם יונגענמאַן געלאָזען זיך אויסרעדען. געגען זיין מיסיע-אידעע האָב איך גאָרנישט געהאַט אויף וויפיעל ער איז געווען בעגייסטערט פאַר ישעיה הנביא'ס אידעען, פּונקט ווי איך האָב גאָרנישט געגען אַ פראַנצויזישען פּאַטריאָט, וואס שטאָלצירט מיט זיין היסטאָרישער „ערקלערונג פון מענשען-רעכט". ווען אַ פאָלק נעמט זיך בעטראַכטען אַלס טרעגער פון איידעלע מענשליכע אידעען, איז דאס דער בעסטער שטאָלץ, אַנטקעגען דעם שמוציגען, בלוטיגען, באַרבאַרישען-מענשענפרעסערישען שטאָלץ פון די דייטשע „ראַסיסטען", די אַבהיטער פון דער „עכט-דייטשער ראַסע".

צוויי וועלטען וועלען זיך איצט צונויפשטויסען אויף דעם אייביגען וועג פון דער יודישער געשיכטע. — די מזרח-יודען מיט די מערב-יודען. פון איין זייט, א גרויסע, ריזיגע מיליאָנען-מאַסע פון וועמען די אינטעליגענץ ענטלויפט צו דער פּראַקטישער אַסימילאַציע, פון דער צווייטער זייט אַ מאַסע פון דורכאויס אינטעליגענטען, וואס וועלען לויפען צוריק פון דער אַסימילאַציע צום פאָלק.

און מיר קאָנען האָבען אַ מערקווירדיגע ערשיינונג, אַ גרויסער טייל פון דער דייטש-יודישער אינטעליגענץ וועט זיך וואַרפען צו דער יודישער מאַסע און פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אַסימילאַטארישער אַנטעליגענץ, וואס איז פון איהר ענטלאָפען, די מענשען מיט אַ הויכער בילדונג, קולטור און די זוכענדע נשמות וועלען מיטברענגען נייע אידעען און נייע בעוועגונגען. וואס פון דעם וועט אַרויסקומען, צי וועט די בעוועגונג זיין פרוכטבאַר אָדער נישט און וואוהין זי וועט שטויסען אויף וועלכע וועגען—דאס וועלען מיר זעהען אין דער צוקונפט.

יעדענפאַלס האָבען מיר שוין אַ נייעס. דער בעקאַנטער דייטשער באַנקיר מיכאַעלס, מיט אַ גרופּע אַנגעזעהענע פאַרזענליכקייטען, פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג וועגען בעזעצען אין איהר אַפריקאַנישער קאָלאָניע אַנגאָלאַ 50 טויזענד דייטשע יודען... אין דער יודישער טעריטאָריאַליסטישער געזעלשאַפט, וואס איז שוין געווען כמעט טויט, וועט איצט אַריינקומען אַ ניי לעבען. דאס איז אַנ'אָנפאַנג, וועלכע נייע בעוועגונגען וועלען נאָך אויפשטעהן?

דערווייל געהט אָן אַ שטיל זוכען צווישען די דייטשע ענטלאָפענע יודען און ווען 600 טויזענד אינטעליגענטע מענשען נעמען זיך בעוועגען קאָנען מיר פאַרשידענעס ערוואַרטען.

פאַר דער יודישער גייסטיגער שאַפונג און ליטעראַטור קאָן זיך אויך אָנהויבען אַ ניי לעבען מיט נייע קאַמפען און נייע זוכענישען.

לאָמיר אויפמערקזאַם וואַרטען און זיך טיעפער פאַרטראַכטען וועגען דעם.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

איצט הויבט זיך ערשט אָן.

דער ערשטער סטאַדיום פון די וואַהלען צום 18-טען קאָנגרעס איז שוין אַריבער, פּוריגע וואָך האָט זיך געענדיגט דאס פאַרקויפען די שקלים, אַזוי, אַז ווער עס האָט געקויפט אַ שקל, וועט האָבען ס'רעכט אַנטייל צו נעמען אין די וואַהלען, האָט אָבער עמיצער פאַרשפּעטיגט צו קויפען אַ שקל — איז אַ נעכטיגער טאָג, מעג ער ווי וועלען זיך בעטייליגען אין די וואַהלען, וועט ער זיצען אינדערהיים.

איצט אָבער הויבט זיך ערשט אָן די אמת'ע „גראַטשקע". אַלע ריכטונגען, בעסער געזאָגט, די אָנהענגער פון די ליסטעס וועלען זיך בעמיהען צו געווינען אויף זייער זייט אָנהענגער, וועלכע זאָלען שטימען פאַר זייער ליסטע.

און ליסטעס וועלען וואַהרשיינליך זיין 7 ואלה הם: 1) מזרחי, 2) על המשמר, 3) עת לבנות, 4) רעוויזיאָניסטען—גראָסמאַן, 5) זשאַבאָטינסקי'ס, 6) ליגע פאַר'ן אַרבייטענדען א"י און 7) התאחדות.

מילא, וועגען די אָרגאַניזירטע מיטגלידער, וואס געהערען צו אַ בעשטימטער ריכטונג — רעדט מען נישט, זיי זענען שוין „בעוואוסטזיניג" און ווייסען שוין פאַר וועמען צו שטימען, דערפאַר אָבער וועט זיין דאס געיעג נאָך די אַזוי גערופענע „ווילדע", וועלכע זענען פאַר'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל, פאַר'ן יודישען פאָלק, זיי זענען אָבער נישט אַנגאַזשירט אין קיין בעזונדערער פּאַרטיי. אָט אויף די דאָזיגע יודעלעך וועלען אַלע נאָכלויפען און סאָפען ביי זיי שטימען.

און צווישען אונז זאָל עס בלייבען, דער אומגליקליכער שאָס אין תל-אביב איז שטאַרק צו-נוץ געקומען דער דאָזיגער וואַהל-אַקציע, ער וועט זיין אַ גוטער מאַטעריאַל, כדי צו איבערצייגען די וועהלער...

פאַרקויפט זענען געוואָרען אין טשענסטאָכאָוו סך-הכל 3193 שקלים און פּונקט אַזוי פיעל האָבען וואַהל - רעכט, נו, וועט זיין ביי וואס צו אַרבייטען.

און אַז אונזערע יודעלעך קאָנען אַרבייטען מיט פייער און טעמפּעראַמענט — דאס ווייסט איהר דאָך, נו, נו, וועט זיך איצט ערשט טאַקע אָנהויבען די אמת'ע אַרבייט...

די בלימעל - טעג זענען פאַר זיי אַ שטערונג צו פּרנסה.

וועגען די אָפּטע בלימעל-טעג, וואס קומען פאַר בא אונז יודען, האָבען מיר שוין געשריבען וויפיעל די דאָזיגע זאַמלונגען זאָלען אונז נישט בעלעסטיגען, איז עס אָבער אַ נויטווענדיגקייט צוליעב דער ספּעציפישער לאַגע, אין וועלכער די יודישע אינסטיטוציעס געפונען זיך.

איצט וויל איך אייך אָבער דערצעהלען, אַז נישט קוקענדיג דערויף וואס מיר זענען מקבל באהבה די אָפּטע בלימעל-טעג, זענען אָבער פאַרהאַן אַ סך יודען, פאַר וועמען די בלימעל-טעג זענען אַ שטערונג צו זייער פּרנסה, דהיינו:

ווען אַזאַ בלימעל-פאַרקויפערין שטעלט אַוועק דאס קעסטעל פאַר'ן געוועלב —און אַזעלכע, וועלכע מיידען אויס די קעסטעלעך איז פאַרהאַן אַ סך—טרעפט טאַקי, אַז דער קונה, וועלכער וויל אַריינגעהן אין דעם דאָזיגען געשעפט קויפען, מיידט אויס, צוזאַמען מיט'ן קעסטעל אויך דאס געוועלב.

בעטען זיך די סוחרים: האָט רחמנות און שטעלט אייך מיט די קעסטעלעך אַביסעל ווייטער, אָדער נעהמט פון אונז באַדיי עטליכע גילדען אויף אייער צוועק, נאָר סטראַשעט אונז נישט אַוועק די קונים. דאָס פּועלט אָבער נישט, די צייכען-פאַרקויפער לאָזען זיך נישט איבערצייגען און בלייבען ווייטער פעסט שטעהן אויף זייערע פּלעצער און טאַקע האַרט ביי די געוועלבער.

בעקלאָגען זיך טאַקע נעביך די סוחרים, אַז די בלומעל-טעג שטערען זיי אין זייער פּרנסה...

אין געווירבעל פון אָרגאַניזאַציעס...

ס'איז איצט אַ צייט פון אָרגאַניזאַציעס ד"ה, אַז טאָג-טעגליך ווערען געשאַפען נייע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען סיי היסטאָרישע נעמען ווי אויך נעמען פון דער הפטורה.

אָט למשל זענען געשאַפען געוואָרען אָרגאַניזאַציעס אויפ'ן נאָמען פון „בר-כוכבא", „עקיבא", „ברוריה", „מכבי" אז"וו. קומט צו געהן ר' חיים מענדיל אַ האַנדוועקער-בעל-מלאכה און לייגט פאַר, אַז אויך זיין אָרגאַניזאַציע דער האַנדווערקער-פערבאַנד זאָל געבען די צייכען היסטאָרישע נעמען, ווי למשל, דער שיסטער-צעך זאָל הייסען נאָך ר' יוחנן הסנדלר, מעטאַל-צעך נאָך ר' יוחנן הנפחא. דאַן איז נאָך דאָ אַ ריש לקיש און אַנדערע גדולים, וואס האָבען זיך פאַרנומען מיט מלאכה.

דער פעטער חיים מענדיל טענה'ט, אַז בעלי-מלאכות זענען אויך מאָדערנע מענשען און מעגען זיך אויך פאַרגינען זייערע אָרגאַניזאַציעס צו בעציהען מיט היסטאָרישע נעמען.

ווי מיינט איהר? אַ פּראָיעקט איז עס.

ווייס-בלויע לאָדעס...

מען דאַרף טאַקע זיין געניאַל, אַז מען זאָל קאָנען אויסטראַכטען קלינגענדע נעמען, וואס זאָלען ציהען דעם עולם און איהם פאַראינטערעסירען.

וואס דאַרפט איהר מעהר, איך אפילו האָב זיך געלאָזט פאַנגען אין דעם נעץ פון דעם הויך-קלינגענדען נאָמען.

אַ מיטגליד פון דער היגער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט מיר דערצעהלט, אַז ביי זיי ווערט יעדען שבת צונאַכטס איינגעאָרדענט אַ ווייס-בלוי-לאָדעס-אָווענד. בין איך געוואָרען נייגעריג צו זעהן, ווי אַזוי לאָדעס קאָנען זיין בלוי-ווייס און דער עיקר וואס פאַר אַ טעם זיי האָבען...

בין איך טאַקע אַוועק אין זייער לאָקאַל אַריין און איך בין אייך מוסר אַ סוד, אַז אמת, די לאָדעס זענען טאַקע נישט בלוי-ווייס, נאָר ראָזע-ווייס, נאָר פונדעסטוועגען אַ מעלה האָבען זיי יאָ, די לאָדעס קומען שטאַרק צונוץ בעת די חברה רעדען (און ווער רעדט נישט?...) און צוהיצען זיך דערביי מיט אַנ'עכט רעוואָלוציאָנער-רעוויזיאָניסטי-

ספאלא.

די לעזער טרעפען זיך אין די לעצטע צייטען גאנץ אפט אין דער צייטונגס-כראניק מיט'ן דאזיגען נאמען. דא לעזען מיר, דאס דער פרעזידענט איז ארויסגעפאהרען נאך ספאלע, א צווייט מאל ווידער, דאס אין ספאלא קומען פאר די אדער יענע פייערונגען און אזוי ווייטער.

וואס איז אזוינס ספאלא? נישט קיין שטאדט און נישט קיין שטעדטיל, נישט קיין דארף און אפילו נישט קיין דערפיל. ספאלא איז א גרויסער, שעהנער מיט געמישטע בוימער, וואלד, וועלכער געפונט זיך 11 קילאמעטער ווייט פון טאמאשאוו-מאז. און איז די זומער-רעזידענץ פון פרעזידענט. אין די וועלדער פון ספאלע האבען זיך געפונען זעהר א גרויסע צאהל חיות און צוליעב דעם טאקי איז ספאלע בעקאנט אלס יאגד-ארט. און מיט 300 יאהר צוריק פלעגען פון צייט צו צייט זיך צונויפצופאהרען אויף יאגד קיין ספאלע די פוילישע מלכים און שפעטער די רוסישע, וועלכע האבען אויך געגרינדעט ספאלא אלס זומער-רעזידענץ.

פון וואנען נעמט זיך דער דאזיגער נאמען? ביי דעם ארט ספאלא — האט אמאל, מיט הונדערטער יאהרען צוריק געהאט א מיהל, ווי אויך א גאסט-הויז א געוויסער ספאלא און פון דאן אן איז דער נאמען פון אייגענטימער געבליבען אלס נאמען פון דעם ארט. יודען האלטען אבער פון אנ'אנדערע סברה: דער נאמען ספאלא שטאמט גאר פון העברעאיש: התפעלות. די יודען פון דער אומגעגענד און ספעציעל פון נישט-ווייט ליגענדען שטעדטיל אינאוולאדז, וועלכעס צעהלט שוין כמעט טויזענד יאהר, פלעגען זיך פערזאמלען בעת די שטענדיגע בעזוכען פון די מלכים און צוקוקענדיג זיך צו די פערוויילונגען, וועלכע פלעגען דאמאלס פארקומען, האבען מיט צייטען שפעטער נאכדערצעהלט איינער דעם צווייטען: „האסט געזעהן מיט וואספערע התפעלות די שררים פלעגען טאנצען, רייטען, שיסען א. אז. וו." פון דעם ווארט התפעלות אלזא איז געווארען „ספאלעס" און שפעטער איז דער „ת" אויך ארויסגעפאלען און אזויערנאך איז געבליבען דער נאמען ספאלע אדער ווי אויף פויליש „ספאלא".

פאר די רוסישע צייטען איז ספאלא געוועזען נישט-צוטריטליך פאר קיינעם, וועלכער האט נישט געהערט צו דער קייזערליכער סוויטע; יעצט אבער, נאך דעם צוריקאויפלעבונג פון פוילען, און ספעציעל בעת די קאדענצען פון יעצטיגען מלוכה-פרעזידענט, איז ספאלא געווארען נישט נור א רעזידענץ פון מלוכה-פרעזידענט, נאר אויך די רעזידענץ פון דער גאנצער פוילישער באפעלקערונג.

פון צייט צו צייט קומען דארט פאר, לויט דער איניציאטיוו פון מלוכה-פרעזידענט, גרעסערע צוזאמענפאהרען און ספעציעל דער יום-טוב פון שניט (חג האסיף), וועלכע פערזאמלען אין ספאלא צענדליגער טויזענדער פוילישע איינוואוינער; דארטען אין ספאלא קומט אויך פאר יעדע צוויי יאהר דער יום-טוב פון „פיזישער ערציהונג און מיליטערישער פארברייטונג", אין וועלכען עס נעהמען אנטייל א חוץ טויזענדער פון דער יוגענד, צווישן זיי אויך פיעל יודען, א סך געסט, פערבעטענע פון גאנץ פוילען.

ספאלא איז געווארען דאס בעליעבטסטע שפאציר-ארט פאר דער גאנצער ארומיגער בעפעלקערונג, אין געגענטייל צו דעם, וואס איז געווען פריהער, פאר דער צייט פון דער רוסישער אקופאציע, ווען די דאזיגע רעזידענץ איז געווען דאס אבשרעקונגס-ארט, צוליעב דעם, וואס זי איז שטענדיג געווען ארומגערינגעלט מיט שפיאנען און קאזאקען.

י. ראזענבערג.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון קליינהענדלער-פעראיין.

פערגאנגענעם זונטאג 4 א זייגער נאכמיטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון קליינהענדלער-פעראיין, בערקא יאסעלעוויטשא 9, ביי דער בעטייליגונג פון אנ'ערך 180 מיטגלידער.

פרעזעס ראזענבערג עפענט די פערזאמלונג און בעמערקט דערביי, אז די פערזאמלונג קומט פאר אין א צייט פון א אינערליכען און אויסערליכען קריזיס. דער אויסערליכער קריזיס, וועלכער בושעוועט אויף דער גאנצער וועלט האט אממעהרסטען געטראפען דעם יודישען קליינהענדלער, וועלכער איז דער שוואכסטער און גלייכצייטיג דער מעהר געראדפ'טער, עס איז אבער אויך פאראן אנ'אינערליכער קריזיס. די צושפליטערונג צווישען די היגע קליינהענדלער-רייהען גופא, ברענגט שאדען זיינע אינטערעסען און עס וואלט געווען שוין צייט, אז ס'זאל ענדליך קומען צו א פעראייניגונג פון אלע יודישע קליינהענדלער אין אונזער שטאדט, כדי מיט געמיינזאמע כחות צו ארבייטען לטובת די קליינהענדלער.

אונטער דער לאזונג — פערענדיגט פרעזעס ראזענבערג — פון אחדות עפען איך די היינטיגע אלגעמיינע פערזאמלונג.

אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' פישמאן, אלס בייזיצענדע די ה"ה וו. פיאטרקאווסקי, ד. טאביאש און ש. מאקאווסקי, אלס סעקרעטאר ה' טוכמייער.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב פרעזעס ראזענבערג, וועלכער רעכענט אויס די פערשידענע אינטערווענצען לטובת די קליינהענדלער בנוגע שטייערען, מארק-פלעצער, דאס ארויסהעלפען צו בעקומען פאטענטען פאר ארימע קליינהענדלער א. ד. גל.

אין דער גאנצער צושפליטערונג — זאגט ווייטער דער בעריכטס אבגעבער — איז שולדיג די צענטראלע, וועלכע האט אויף א לייכטזיניגען אופן טראקטירט די גאנצע פראגע און אפילו נישט געוואלט זיך מיט דעם ענין פעראינטערעסירען, אזוי אז די יוד. קליינהענדלער קאנען זיך אויף דער צענטראלע נישט פערלאזען, זיי מוזען זייערע לעבענס-פראגען נעמען אין די אייגענע הענד אריין און ארבייטען פעראייניגט פאר'ן פערבעסערען פון זייערע טרויריגע לעבענס - בעדינגונגען.

דעם בעריכט דערגעצט נאך ה' אדאלף עפשטיין, וועלכער גיט אנ'איבערבליק איבער דער געשיכטע פון קליינהענדלער-פעראיין אין די לעצטע יאהרען.

דעם קאסע-בעריכט גיט אב ה' סט. וויינשטאק.

ס'ווערט אויך אדורכגעלעזען דער פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע.

אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט די ה"ה: מ. אלטמאן, ארושינסקי, צימערמאן, גליקסמאן, דאנקאוויטש, א. מערין, פישמאן, א. שטייער, פאמעראנץ און גליקליך.

אלע רעדנער זאגען זיך ארויס מיט בעגייסטערונג פאר דער פערוואלטונג און בעזונדערס פאר די ה"ה ראזענבערג און זשעריקער, וועלכע זענען איבערגעגעבען דער ארבייט לטובת די קליינהענדלער.

דער בעריכט ווערט גענומען צו קענטניס און עס ווערט אויסגעדריקט אנערקענונג און א דאנק די אבטרעטענדע פערוואלטונג פאר איהר ארבייט.

ס'ווערט אויך אנגענומען דער בודזשעט אויף דער סומע פון 3897 זל.

דאן קומען פאר וואהלען, וועלכע גיבען פאלגענדען רעזולטאט: אין דער פערוואלטונג: י. ראזענבערג, וו. זשעריקער, י. מ. עפשטיין, ד. פיליפאוויטש, א. עפשטיין, ש. וויינשטאק, א. דאנקאוויטש, ש. קרויזע, א. זיידמאן, מ. קראקאוער און ג. גליקסמאן. קאנדידאטען: מ. אלטמאן, יוסף ראזענבערג, מ. ארושינסקי, י. פאמעראנץ און מ. בארמהערציג.

אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: ד"ר גוטמאן, מ. אש און י. ראזינער.

דאן ווערן אנגענומען פאלגענדע פרייע פארשלאגען:

1) זיך צו בעמיהען צו שאפען מעדיצינישע הילף פאר די מיטגלידער.

2) א בוכהאלטעריע - סעקרעטאריאט פאר די מיטגלידער, וועלכע ווילען פיהרען ביכער.

3) וועגען פעראייניגונג איז אריינגעטראגען געווארען דורך ה' מ. אש פאלגענדער פארשלאג, וועלכער איז איינשטימיג אנגענומען געווארען:

„אנערקענענדיג, אז די שפאלטונג און צעברעקלונג פון די יודישע קליינהענדלער - רייהען אין טשענסטאכאוו ברענגט שאדען דער אלגעמיינער קליינהענדלער-זאך און אז נאר א פעראייניגונג פון אלע יעצט צוריסענע כחות קאן העלפען צו פערלייכטערען די טראגישע לאגע פון היגען קליינהענדלערטום, דריקט די אלגעמיינע פערזאמלונג אויס איהר וואונש, אז די נייע פערוואלטונג זאל זיך בעמיהען ווי אמשנעלסטען צו דערפיהרען צו א פעראייניגונג פון ביידע היגע יודישע קליינהענדלער-ארגאניזאציעס".

ס'ווערט אויך אנגענומען דער פארשלאג צו שאפען ביים פעראיין אנ'עהרען-געריכט.

ווייטער נעמט די פערזאמלונג אן דעם פארשלאג וועגען באיקאטירען די דייטשע סחורות ביז ס'וועט קומען א סוף צו היטלער'ן, און צום סוף דריקט אויס די פערזאמלונג א דאנק דעם פארזיצער ה' פישמאן פאר זיין אדורכפיהרען די פערזאמלונג ווי געהעריג און דערמיט ווערט די פערזאמלונג ארום האלב 9 אין אווענד געשלאסען.

פרייע טריבונע.

דער היסטארישער קאנגרעס.

די שקל-אקציע האט זיך פערענדיגט און מיר געהן אריין אין סטאדיום פון אגיטאציע צו די אייגענטליכע קאנגרעס-וואהלען. דער הויפט - קאמף וועט פארקומען צווישען לינקען בלאק (הסתדרות) און די רעוויזיאניסטען. נאך ביי קיין שום קאנגרעס איז נישט פארגעקומען אזא קאמף און פעראינטערעסירונג פון די ברייטע יודישע מאסען, ווי צום יעצטיגען קאנגרעס. און ווירקליך האט דער יעצטיגער קאנגרעס פאר זיך היסטארישע אויפגאבען.

דער 18-טער ציוניסטישער קאנגרעס וועט דעצידירען, צי זאל דער ארץ-ישראל-אויפבוי זיין באזירט אויף נאציאנאלען קאפיטאל, יודישע ארבייט, לאנדווירטשאפטליכע ענטוויקלונג, חלוצישע עמיגראציע א. אז. וו., פארטזעצען דעם ארץ-ישראל-אויפבוי אונטער אלע אומשטענדען און ביי אלע מעגליכקייטען און אנווענדען אלע מיטלען צו פערשנעלערן דעם אויפבוי פון א יודיש א"י, דורך ארבייט, נישט דורך פראזען.

צי מיינט ווירקליך דער רעוויזיאניזם, אז מיט זיינע וועגען וועט ער אויפבויען א יודענשטאט? צי מיינען זיי ווירקליך, אז די ענגלישע רעגירונג וועט בלינד הארכען און נאכגעבען אלע פאדערונגען פון ה' זשאבאטינסקי, אז ענגלאנד וועט זיך דערשרעקען פאר זיין מיליטער און דיקטאטארישע בעפעהלען? צי פערשטעהן זיי נישט, אדער זיי ווילען נישט פערשטעהן, אז ענגלאנד מוז זיך רעכנען מיט דער רעאלער ארץ - ישראל'דיגער ווירקליכקייט—מיט די 800 טויזענד אראבער געגען 200 טויזענד יודען?

געוויס זענען מיר נישט צופרידען מיט דער פאליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג, אבער נישט מיט קיין קליינגענדיגע פראזען און טראשונקעס, נאר מיט פראקטישער ארבייט, מיט וואס מעהר ערד אויסלייזען, און וואס מעהר יודען אריינברענגען אין לאנד און זיי איינוואורצלען אויף פעסטע יסודות, וועט מען קענען ענדערן די פאליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג געגען אונז. נישט אלץ איז — ווי זיי ווילען איינרעדען דעם סתם יוד— אז מיר זענען געגען עמיגראציע פון מיטעלשטאנד און מיר זענען די, וואס דערלאזען נישט דעם סתם-יוד פאהרען נאך ארץ-ישראל. מיר זענען דערפאר, אז אלע שיכטען יודען זאלען קענען פאהרען אהין פריי אהנע שטערונגען, און דעם קאמף פאר א פרייער עליה פיהרען מיר בכסדר מיט דער ענגלישער רעגירונג.

אמת איז אבער יא, אז מיר זענען געגען איבערפיהרען דעם גלות-יוד מיט זיינע לופט-געשעפטען און אונפראדוקטיוו לעבען נאך ארץ-ישראל. מיר זענען פאר אנ'עמיגראציע פון מענשען מיט קאפיטאל, פון חלוצישער ארבייטער יוגענד, פאר אריינדרינגען אין אלע צווייגען פון דער פראדוקציע און פון עפענטליכען לעבען און ארץ-ישראל-אויפבוי, פאר פריוואטער איניציאטיוו ביי דער מיטהילף פון נאציאנאלען קאפיטאל און פאר פריעדליכער צוזאמענארבייט און צוזאמענלעבען מיט די אראבישע מאסען. נישט צו שטערען דאס, וואס די ארץ-ישראל'דיגע ארבייטערשאפט האט מיט זיין בלוט און שווייס אויפגעבויט, נאר פארטזעצען די העראישע ארבייט ביז צום אויפבויען א פרייען ארבייטענדען ארץ-ישראל אויף ביידע זייטען פון ירדן.

דאס זענען די וועגען אין ציעלען פון בלאק פון ארבייטענדען ארץ-ישראל און דאס מוזען געדענקען אלע שקל-וועהלער.

יורי.

שען פאטאס, קיהלען די לאדעס אב די צוהיצטע געמיטער.

אבער פארוואס מען האט די לאדעס א נאמען געגעבען ווייס - בלויע, ווייס איך ווייטער נישט...

א יודישע פלאצובקע פערלוירען געגאנגען.

העכער 60 יאהר האט אויפ'ן טשענסטאכאווער פלאץ עקזיסטירט די בעוואוסטע יודישע זייף-פאבריק אונטער דער פירמא „דזיובאס און פישעל", אין וועלכער עס זענען געווען בעשעפטיגט עטליכע צעהנדליגע יודישע ארבייטער.

לעצטענס איז די פאבריק אבגעשטעלט געווארען און די אלע ארבייטער האבען פערלוירען זייער פרנסה.

די טעג איז די פאבריק פערקויפט געווארען אנ'אויבערשלעזישען נישט-יוד.

אז יודען וועלען דארט שוין מעהר נישט ארבייטען, איז מעהר ווי זיכער. אזוי ארום איז, צו אונזער גרויסען וועהטאג, א יודישע פלאצובקע. וואס איז היינט אזוי קנאפ בנמצא פערלוירען געגאנגען.

דער שיך קוועטשט זיי מסתמא.

ס'געהט נישט אוועק א וואך, אז מיר זאל נישט אויסקומען צו זיין אנוועזענד אויף אנ'אלגעמיינע פערזאמלונג און, ווי געוועהנליך קומען אויף די דאזיגע פערזאמלונגען א קליינע טייל פון די אייגענטליכע מיטגלידער און גאר די יעניגע, וועלכע זענען פעראינטערעסירט אין די וואהלען אדער אזעלכע, וועלכע האבען גלאט ליעב צו ספיטשעוועץ און אינדערהיים קענען זיי קיין מויל נישט עפענען צוליעב זייערע ווייבער, וועלכע האלטען אין איין רעדען — נאר זיי זעהט מען אמאל אויף א פערזאמלונג...

אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון די קליינהענדלער (בערקא יאסעלעוויטשא 9), וועלכע איז פארגעקומען דעם פערגאנגענעם זונטאג, איז אבער צו מיין גרויסער איבערראשונג געקומען גאר א גרויסע צאהל מיטגלידער. וואס דארפט איהר מעהר, אז אפילו ביי די וואהלען, וועלכע זענען פארגעקומען 3 שעה נאכ'ן אנהויב פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג — און ווי תמיד בלייבט נאר דאן איבער א קליין הייפעל — איז דא, ביי די קליינהענדלער, נאך געבליבען אזא גרויסע צאהל און גאנצע 129 צעטלען זענען אבגעגעבען געווארען דער וואהל-קאסיע.

וואונדערט איהר זיך אודאי, פארוואס זענען דאס געקומען אזוי פיעל מיטגלידער אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג. ווען איהר וואלט אבער אויסגעהערט זייערע טענות, זייערע קרעכצען און וועהטאגען, וואלט איהר זיך בעשטימט נישט געוואונדערט.

א שווערע צייט לעבען איבער די יודישע קליינהענדלער, פון אלע זייטען ליידען זיי צרות, הן מצד דער קאנקורענץ, הן מצד דעם קריזיס און נאך מעהר פון די שטייער-אמטען מיט זייערע סעקוועסטראטארען, וועלכע בעהאנדלען ספעציעל די יודישע מארקהענדלער נישט שטארק עלעגאנט און העפליך.

זענען זיי דאס טאקי געקומען אין די מאסען אויף דער פערזאמלונג און זיך אראבערעדען פון הארץ.

הפנים, אז דער שיך קוועטשט זיי שוין צו שטארק.

ווער איז א בעלן זיך אביסעל אבצורוהען.

די „קולטור-ליגע" איז אונז מזכה נישט בלויז מיט ביכער, פארלעזונגען און קולטורעלע אימפרעזעס, נאר זי וויל אונז מזכה זיין מיט אנ'אברוה-קאלאניע.

אין זלאטי פאטאק האבען זיי געדינגען א ווילע מיט אלע איינריכטונגען (זיי זאגען — א קאמפארט - איינריכטונג) מיט 5—6 מאל אין טאג עסען און גאנצע וואגאנען פרישע געזונטע לופט און דאס אלץ פאר 4 זלאטעס א טאג און טאמער האט איהר כח און דער עיקר כסף און קענט זיך דערלויבען אויף א גאנצע וואך אדער ווער ווייסט אויף א גאנצען חודש, קאנט איהר עס בעקומען פאר נאך בילליגער.

ווי איהר זעהט דארף מען נאר האבען דריי זאכען: געלד, כסף און מזומן און מען קען פאר ביליג געלד זיך אביסעל אויסרוהען.

די „קולטור-ליגע" זארגט פאר אונז, זי האט עס איינגעארדענט פיין, איצט איז נאר די פראגע ווער עס איז א בעלן זיך אביסעל אבצורוהען...

די נייע העצע.

דער קינא „אדעאן" איז ליקווידירט געווארען.

מיר יודען האבען דערפון געהאט נישט ווייניגער עגמת - נפש, ווי די קריסטליכע בעפעלקערונג, ווייל די פירמע איז ווירקליך געווען א רעלע און דער אייגענטימער ה' קשעמינסקי האט אויף יעדען יום-טוב בייגעטראגען א גרויסע סומע פאר יודישע אינסטיטוציעס.

אוודאי האבען מיר פון גאנצען הארצען בעדויערט דאס, וואס דאס עלטסטע קינא האט זיך פערמאכט, דאס אבער נוצען אויס די אנטיסעמיטישע צייטונגען און מאכען דערפון א ווילדע העצע געגען יודען.

יודען זענען שולדיג אין דער ירידה און ווען עס פעהלען אויס יודען נעמט מען צו הילף א משומד און מ'טרייבט א העצע אויפ'ן גאנצען פראנט.

פאר די דאזיגע חיה'שע אנטיסעמיטען איז אלץ א סחורה, אבי צו טרייבען זייער ווילדע העצע.

דער יום טוב פון ים.

אמת, קיין צרות, דאנקען גאט, פעהלט אונז נישט. פון אלע זייטען רודפט מען אונז, מיר האבען נישט קיין איין מינוט מנוחה. מיט אויסלענדישע, ווי אויך מיט אינערליכע צרות זענען מיר פערזארגט, פונדעסטוועגען טארען מיר זיך נישט בעקלאגען, קיין ימים טובים פעהלט אונז אויך נישט.

ווען מיר זאלען נעמען די ימים טובים, וואס מיר האבען געפייערט בלויז דאס לויפענדע יאהר, וועלען מיר אנצעהלען מעהר ווי א מנין. און מיט דעם איז נאך נישט געענדיגט.

דאס יאהר איז נאך גרויס (און קיין צרות וועט מיט גאט'ס הילף נישט פעהלען...) און יום טובים וועלען מיר נאך פייערען גענוג.

אויך היינטיגע וואך האבען מיר געהאט א יום טוב.

דאס גאנצע פאלק האט געפייערט דעם יום טוב פון ים.

דער ים איז פאר א מלוכה דאס נויטיגסטע אין זיין ווירטשאפטליכען לעבען. ליידער האבען מיר נישט געהאט קיין פרייען צוטריט צום ים און מיט דער גאנצער אנשטרענגונג האבען מיר דאך בעקומען א מעגליכקייט אויף דער פוילישער טעריטאריע צו שאפען אנ'אייגענעם פארט, וואו מיר וועלען האבען דורכ'ן ים פרייע בעוועגונג.

דאס איז אונזער יום טוב.

אויך דאס יודישע פאלק האט גענומען א גרויסען אנטייל אין דעם יום טוב.

אונזערע עלטערען וואלטען א סך געקאנט דערצעהלען, ווי אזוי זיי האבען אמאל ענטוויקעלט דעם מסחר דורכ'ן ים. ווי אזוי מלופות זענען א דאנק דעם רייך געווארען, אבער דאס געהער צו דער פערגאנגענהייט.

היינט צו טאג לעבענדיג אין דער פוילישער מלוכה, וואס איז אונזער היים, דא ווי מיר האבען אונזער לעבען פערבראכט און וואו מיר וועלען ווייטער לעבען, האבען מיר אויך צוזאמען מיט'ן פוילישען פאלק אויפריכטיג אנטייל גענומען אין דעם פרעהליכען יום טוב, אין יום טוב פון ים.

לויתן.

די פייערליכקייטען לכבוד דעם „יום=טוב פון ים“.

מיטוואך 3 א זייגער נאכמיטאג האבען זיך אנגעהויבען אין גאנץ פוילען די פייערליכקייטען לכבוד'ן יום-טוב פון ים".

די פייערונג האט זיך אנגעהויבען מיט'ן פייפען פון סירענעס פון פאבריקען און לאקאמאטיוען און תיכף האט זיך אויף עטליכע מינוט אבגעשטעלט די בעוועגונג אויף די גאסען און דאן האט די בעפעלקערונג אנגעהויבען צו דעקארירען די באלקאנען, פענסטער, געוועלבער א. ד. גל. מיט געהעריגע אבצייכענונגען און נאציאנאלע פעהנער.

האלב 8 אין אווענד האבען זיך אויפ'ן מאגיסטראט-פלאץ פערזאמעלט פערשידענע ארגאניזאציעס און ביי דער בעגלייטונג פון עטליכע ארקעסטערס אבמארשירט צום שווים-באסיין „באלטיק“ אויף קארדעצקי-גאס, וואו ס'איז פארגעקומען די פייערונג פון אראבלאזען בלומען-קרענץ אויפ'ן וואסער.

האלב 9 אווענד זענען אין קהלה-לאקאל פארגעקומען פייערליכע זיצונגען פון דער פערוואלטונג און ראט, געווידמעט דעם דאזיגען יום-טוב, וועלכע האבען איינשטימיג אנגענומען פאלגענדע רעזאלוציע:

„מיר שטעלען פעסט, אז די אונצוטרייסבארע איינהייט פון דער, פון שטענדיג אן, פוילישער פראווינץ ביים ים „פאמאזשע“ מיט דער רעפובליק, דאס בעזיצען פון אייגענע פארטען, האנדעלס-און קריגס-פלאט — איז א נויטווענדיגער בעדינג פון דער פאליטישער און ווירטשאפטליכער פרייהייט פון דער פוילישער מלוכה.

מיר פראטעסטירען און ווארנען די עפענטליכע מיינונג געגען דער דייטשער פראפאגאנדע און רעוויזיאניסטישער אקציע, וואס ערוועקט ווידער אין דייטשען פאלק דעם בעגעהר צו פערכאפען פרעמדע און בעזונדערס פוילישע טעריטאריעס.

מיר שטעלען פעסט, אז נור א דעצידירטע שטעלונג פון די פעלקער, וואס ווילען פרידען, קאן ווירקען, אז אלע זאלען אבהיטען די אינטערנאציאנאלע טראקטאטען, וואס זאלען גאראנטירען אנ'אלגעמיינעם שלום.

מיר ערקלערען, אז יעדער פרוב פון אנ'אטאק אויף די גאנצקייט פון דער מלוכה וועט דורך אלע פוילישע בירגער אבגעשטויסען ווערען ענערגיש און זיעגרייך“.

אויך אין אלע אנדערע היגע געזעלשאפטען און ארגאניזאציעס פוילישע און יודישע, זענען אין דער זעלבער צייט פארגעקומען ספעציעלע זיצונגען און ס'איז אנגענומען געווארען דיזעלבע רעזאלוציע.

נעכטען באלד אינדערפריה האט זיך אנגעהויבען א בעוועגונג אין גאס. דא און דארט האט מען געזעהן פערשידענע ארגאניזאציעס מארשירען מיט זייערע פעהנער צו די זאמעל-פונקטען.

ביי די יודישע געזעלשאפטען.

אויך די יודישע ווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס האבען גענומען אנ'אקטיווען אנטייל אין דעם אלגעמיינעם אלפוילישען יום-טוב.

אין די שוהלען.

אין דער שטאדט-שוהל האבען זיך פערזאמעלט די האנדווערקער - צעכען מיט זייערע פעהנער, אויך די קליינהענדלער מיט די געהעריגע טראנספארענטען.

חזן יוסף באדאש ריכט אב די תפילות און דער „רעפרעזענטאנץ - כאר א. ג. פון א. ב. בירנבוים“ זינגען א רייהע תפילות.

נאכדעם ווי דער דיין ר' יוסל פראקאש זאגט א קאפיטעל תהילים און א ספעציעלע תפילה לכבוד דער פוילישער רעפובליק האלט ד"ר אקסער א רעדע מענינא דיומא און דער פאר זינגט די „ראטע“, דעם פוילישען הימן און התקוה. דאן שטעלט זיך אויס דער צוג, אין וועלכען ס'נעמען אנטייל דער ראבינאט, די קהלה, די האנדווערקער און די קליינהענדלער.

אין דער סינאגאגע

האבען זיך פערזאמעלט א רייהע געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, ווי דער סוחרים-פעראיין, פרויען-פעראיין „עזרה“ לעגיאן א. נ. פון בערעק יאסעלעוויטש, געוועזענע קעמפער פאר פוילען'ס בעפרייאונג, שול-קינדער א. א.

חזן פישעל ריכט אב די תפילות אונטער דער אקאמפיאנימענט פון א פוס-הארמאניע. ד"ר הירשבערג רעדט מענינא דיומא און ה' פישעל זינגט די „ראטע“ ביי דער בעגלייטונג פון דער פוס-הארמאניע.

דאן האט דער צוג מארשירט ביז דער ערשטער אלעע, וואו זיי האבען זיך פעראייניגט מיט'ן צוג, וועלכער האט מארשירט פון דער שטאדט-שוהל און אוועק צום מאגיסטראט-פלאץ.

אויפ'ן מאגיסטראט-פלאץ

איז פארגעקומען א דעפילאדע פון אלע פוילישע און יודישע ארגאניזאציעס. דאן האט אויף א ספעציעלע טריבונע גערעדט צום פערזאמעלטען עולם דער קאמיסאר מאזור, מייער און א פערטרעטער פון ז'צר פעדעראציע. די מוזיק שפיעלט דעם נאציאנאלען הימן און די „ראטע“ און דער צוג ווערט אויפגעלעזט.

דער מיטינג ביי די האנדווערקער.

אויפ'ן הויף פון די האנדווערקער איז דערנאך פארגעקומען א מיטינג, אונטער דער פארזיץ פון ד"ר גייסלער.

צום פערזאמעלטען עולם האבען גערעדט די ה"ה זארסקי און ד"ר גוטמאן און מיט די אויסרופען: „נידער מיט היטלער'ן!“, „זאל לעבען די פוילישע רעפובליק!“, איז דער מיטינג געווארען אויפגעלעזט.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון פרויען=פעראיין „עזרה“.

מיטוואך, דעם 28 ד. ח. איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען פרויען-פעראיין „עזרה“.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס פרוי וועקסלער, וועלכע רעדט וועגען דעם שרעקליכען קריזיס, וואס הערשט היינט אין דער וועלט און האט אויך א געוויסע ווירקונג אויף דער אינסטיטוציע, דאך בעמיהט זיך די פערוואלטונג מיט אלע כ[ח]ות צו שטעהן אויף דער וואך און טה[ו]ט אלץ, כדי צו ערפולען די אויפגאבען, וואס די געזעלשאפט האט זיך געשטעלט.

אלס פארזיצענדער ווערט געוועהלט פרוי ד"ר'אווע גייסלער, אלס סעקרעטאר — פרוי איגוש. פזשיסוסקער.

דער פראטאקאל פון דער פוריגער אלגעמיינער פערזאמלונג ווערט אדורכגעלעזען און בעשטעטיגט.

דאן לעזט פרוי ד"ראווע גייסלער דעם טעטיגקייטס בעריכט און עס ווייזט זיך ארויס, אז דער בילאנס האט דעם פערגאנגענעם יאהר בעטראפען די סומע 4.291.07 זל.

צווישען אנדערס איז אויך אין משך פון בעריכט-יאהר צוטיילט געווארען 4128 ליטער מילך, 106 קילא מעהל, 880 אייער, 51 קילא צוקער, אויסער דעם איז אויך צוטיילט געווארען פאר ארימע קראנקע אין מזומן 614.50 אויף רפואות און אויך צו פאהרען אויף קוראציע.

גלייכצייטיג איז אין פערלויפענדען יאהר צוטיילט געווארען 386 שטיק וועש און קליידער פאר ארימע.

דער בעריכט ווערט גענומען צו קענטניש און עס ווערט ערטיילט דער פערוואלטונג אבסאלוטאריום.

דאן ווערט אנגענומען דער בודזשעט אין דער סומע פון 5000 זל.

אין דער פערוואלטונג ווערען געוועהלט פרויען: וועקסלער, אינוש. דאווידאוויטש, דראווא ליפינסקא, דראווא גייסלער, גערינכטער, ראזענטאל, גוטמאכער, גליקסמאן, בראמבערג, ערליך, העפטלער, ליפשיץ, רושין. קאנדידאטען: ציגלער, בערלינער, קאפלאן, קאזשושניק, דראווא ראזען און גרונדמאן. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: ה' נתן קאהן, פרויען: קאן, אש און גרעניעץ.

דאס פרעזידיום האט זיך קאנסטיטואירט: פרעזעס—פרוי וועקסלער, וויצע—פרוי יאינוש. דאווידאוויטש, קאסירער—פרוי דראווא ליפינסקא, סעקרעטארין—פרוי דראווא גייסלער, פרעזידיום מיטגלידערינס פרויען: גוטמאכער און גערינכטער.

דאן ווערט אנגענומען א רעזאלוציע וועגען יום-טוב פון ים, וואס ווערט אבגעשיקט צו דער געהעריגער אינסטאנץ.

די פערזאמעלטע דריקען אויס א דאנק די פארזיצענדערין פרוי דראווא גייסלער פאר פיהרען די פערזאמלונג און דערמיט ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

פערטרעטער פון דער קהלה אויף די פייערליכקייטען אין ספאלא.

פרייטאג און שבת זענען אין דער זומער-רעזידענץ פון מלוכה-פרעזידענט אין ספאלא פארגעקומען גרויסע פייערליכקייטען פון מיליטערישער צוגרייטונג און פיזישער ערציהונג.

מצד דער היגער יודישער בעפעלקערונג זענען צו די דאזיגע פייערליכקייטען, אין וועלכע ס'האט אויך אנטייל גענומען דער מלוכה - פרעזידענט פראפ. איגנאצי מאשטשיצקי, פרעמיער-מיניסטער, דיפלאמאטישער קארפוס און אנדערע, אויך איינגעלאדען געווארען די פרעזעסען פון דער היגער קהלה, די ה"ה יעקב ראזענבערג און חיים וועקסלער, ווי אויך דער דאזאר ה' ווילהעלם זשעריקער.

אויספלוג פון דער זש. ט. ק.

זונטאג, דעם 2 ליפיעץ ארדענט איין די יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט אנ'אינטערעסאנטען אויספלוג מיט דער באהן נאך זשארקי און פון דארט דורך קאטאוויצע צו דער פלאזשע אין באבאליצע.

פרייז פונ'ם אויספלוג פאר מיטגלידער 2.80 זל. טרעף-פונקט אין לאקאל פון זש. ט. ק. 7-15 א זייגער פריה. איינשרייבונגען אין סעקרעטאריאט פון האלב 9 אווענד.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער האנדווערקער-באנק.

זונטאג, דעם 9 יולי 4 נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון דעם האנדווערקער-פערבאנד, אלעע 12, די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער האנדווערקער-באנק.

ביי נידערגעשלאגענע מענשען, אונפעהיגע צו דער ארבייט, שאפט א גוטע בלוט-צירקולירונג און דערהויבט דאס געדענק און ארבייטס - פערמעגען דאס נאטירליכע ביטערוואסער Franciszka Józefa

---

רעזולטאט פון קאנקורס - געריכט אויף די שטאדטישע דאקטוירים-פאסטענס.

אונטער'ן פארזיץ פון וויצע-קאמיסאר פון דער שטאדט מאדעיסקי איז דינסטאג פארגעקומען א זיצונג פון קאנקורס-געריכט אויף די פאסטענס: פון לייטער פון דער שטאדטישער געזונדהייטס-אבטיילונג און ארדינאטארען פון דער כירורגישער אבטיילונג און פון דער אבטיילונג פאר אנשטעקענדע קראנקע אין שטאדטישען שפיטאל.

אויסער דעם פארזיצענדען איז דאס קאנקורס-געריכט בעשטאנען פון: לייטער פון דער וואיעוואדישער געזונדהייטס-אבטיילונג ד"ר דזיעוואולסקי, מצד דעם ביירא[ט] פולק. ד"ר מיקולסקי און דיר. זביערסקי און מצד דער צייטווייליגער שטאדט-פערוואלטונג ד"ר סטאווניצקי.

דאס קאנקורס-געריכט האט בעשלאסען פארצושטעלען צו דער נאמינאציע פאלגענדע קאנדידאטען: אלס לייטער פון דער געזונדהייטס-אבטיילונג, ד"ר שייקאווסקי, אלס פרימאריוס פון דער כירורגישער אבטיילונג ד"ר אלפרעד פראנקע און אלס פרימאריוס פון דער אבטיילונג פאר אנשטעקענדע קראנקע ד"ר טעצאמסקי.

די צייטווייליגע שטאדט פערוואלטונג וועט די דאזיגע קאנדידאטורען פארשטעלען דער קעלצער וואיעוואדא.

גאסטען=בילדער.

דער מאגיקער.

קינצענמאכער, קאטערינ[י]אזשעס אדער זינגערס, וועלכע געהן ארום איבער די הויפען און זינגען אויס זייערע שלאגערס אדער מאכען קאזשעלקעס זענען ביי אונז נישט קיין נייעס. שוין פון כמה יאהרען פערדינען זיי זיך זייער שטיקעל ברויט אזוי וואנדערענדיג. אבער אז א מאגיקער, א שווארץ-קינסטלער און גראד מיט א גוטער מארקע, זאל'זיין סחורה בעווייזען אויף די הויפען, איז ווירקליך א פראדוקט פון יעצטיגען ווירטשאפטליכען קריזיס פון איין זייט און צוליעב דער נייער ערפינדונג פון ראדיא און קלאנג-פילם — פון דער צווייטער זייט.

פונדעסטוועגען מוז מען זיין אביעקטיוו צו דעם מאגיקער און איהם נישט שטעלען אין איין רייהע מיט די אויבען - אויסגערעכענטע קונצענמאכער, ער האלט נאך פאסאן און מאכט דעם אנשטעל פון א קינסטלער מיט א פערגעהם.

מיט דער ערלויבניש פון דער געהעריגער מאכט ווערט ארויסגעהאנגען א אפיש, אז אויף דער און דער גאס און נומער פון דעם הויז וועט 5 א זייגער נאכמיטאג פארקומען א פארשטעלונג פון טעאטער „נאוואשטש“, וואו עס וועלען געוויזען ווערען די וואונדערליכסטע קונצען, וואס זענען גארנישט בנמצא. דערווייל ווערען אויפ'ן הויז, וואו די פארשטעלונגען קומען פאר ארויסגעהאנגען רעקלאמע - פלאקאטען מיט משונה'דיגע פיגורען, ווי ליכט ברענען און פון איין זייט א מלאך, וואס נידערט אראב פון הימעל, פון דער צווייטער זייט א טייוועל מיט הערנער, וועלכער איז א שומר פון סאמע גיהנום, מיט גרויסע הערנער און היהנערשע פיס און נאך אזעלכע „סטראשנע“ בילדער. דערביי ווערט בעמערקט, אז צוליעב'ן שווערען קריזיס זענען די איינגאנגס-בילעטען דערנידריגט אויף 10 און 20 גר.

אויפ'ן הויף פון דער פארשטעלונג שטעהט א פלאטפארמע, אויף וועלכער ס'געפינט זיך א טיש מיט א קליין שענקיל, א ליכט, פאקעלען, א גלאק, גלעזער, פלעשער, א קאפעלוש און אלע אנדערע קלייניגקייטען, וואס זענען נויטיג צו דער דאזיגער קונסט. די פלאטפארמע איז דעקארירט מיט דיזעלבע רעקלאמע-פלאקאטען, וועלכע הענגען פאר'ן טויער, וואס בילדעט גלייכצייטיג „די הינטערקוליסען“, וואו עס געפונט זיך דער מאגיקער-„קינסטלער“.

א האלבע שעה נאכ'ן טערמין בעווייזט זיך אויף דער פלאטפארמע דער „קינסטלער“, וועלכער האלט א מאראליטשנע דרשה אין א צובראכענעם פויליש און באלד דאס זעלבע אויף א יודיש-דאטש צום הויכגעשעצטען פובליקום בזה הלשון:

רבותי, איהר זאלט נישט מיינען, אז איך בין א כשוף - מאכער, וואס קען פערוואנדלען שמאטעס אין גאלד אדער מאכען פון שנייה גאמולקעס, ניין! ווען איך וואלט דאס געקענט, וואלט איך זיך נישט געדארפט ארומוואלגערן איבער דער וועלט און פונקט אזוי ווי דער פויגעל, וועלכער זוכט א „זשארנקע“, אזוי מוז איך זוכען מיין ברויט. שוין 40 יאהר ארבייט איך שווער און ביטער און ווייז דער וועלט מיין קונסט.

איך האב שוין געארבייט אין די גרעסטע טעאטערען פון אלע רעזידענצען אין דער וועלט און אומעטום האב איך בעקומען אנערקענונג. אט זעהט איהר—ווייזט ער אן אויפ'ן מעדאל, וואס הענגט אויף זיין ברוסט —דאס האב איך בעקומען פאר מיין קונסט. אלזא, די היינטיגע פארשטעלונג בעשטעהט פון דריי טיילען. אויב איהר, הויכגעשעצט פובליקום, וועט זיך פערהאלטען רוהיג און זיך אביסעל אבריקען פון דער פלאטפארם, וועט איהר זעהן עפיס שעהנס...

— פראשע זאמקנאנטש בראמע! — גיט ער א געשריי צו דער פרוי, וועלכע שטעהט ביים טויער און אינקאסירט איין די 10-ער גראשענס און איז גלייכצייטיג די בילעטערין, בא פשעדסטאוויעניע שען ראזפאטשינא“.

ארום דעם פלאץ שטעהט מען אין די פענסטער, אויף די באלקאנען, ווי אויך אויף די דעכער און קוקען זיך צו נייגעריג אומזיסט אויפ'ן בייזען וואונדער.

ס'דערהערט זיך דער דריטער קלינג און די פארשטעלונג הויבט זיך אן.

דער מאגיקער מוז דוקא זיין א גוטער בעל-מלאכה, ווארום ער איבערראשט די צושויער מיט זיינע קונצען, ער האלט א צויבער - שטעקעלע אין האנד און פון א טיכעל ווערט א לעבעדיגער האהן. ער שלעפט פון מויל קאלירטע סטענגעס, שלינגט פייערען, הענגט אן א שלאס ביי איינעם פון די צושויער אויפ'ן מויל, אזוי, אז יענער קאן נישט רעדען און נאך א גאנצע רייהע אנדערע שווארץ - קינסטלעריי, וואס איז א חדוש נפלא, און ווערט אפלאדירט פון די 10-גראשענדיגע געסט.

צוויי שעה האט געדויערט די פארשטעלונג און דער הויפט-ארטיסט האט געגעבען טאקי זעהר שווער געארבייט. דער סך-הכל איז געוועזען א טרויריגער. די הכנסה איז געוועזען אזא קליינע, אז עס האט קוים געקלעקט צו בעצאהלען דעם געדינגענעם פלאץ און די היטער פאר זייער מיטהילף.

ווען איך האב שפעטער מיט דעם „וועלט-בעריהמטען קינסטלער“ געכאפט א שמועס האט ער זיך פאר מיר בעקלאגט, ער רעדט דוקא א גוטען יודיש (אז ער איז א יוד. דארף איך דאכט זיך נישט דערצעהלען...) אז לייטער שאצען מענשען נישט אב זיין ארבייט, ווארום—זאגט ער—ווען דער גרויסער עולם, וואס געפונט זיך אויף דעם הויף וואלט געגעבען צו 10 גר. וואלט פאר מיר מיט מיין פרוי אויך נאך געבליבען אויף א שטיקעל ברויט. וואס קומט אבער ארויס, אז די הויפשכנים האבען אריינגענומען צו זיך זייערע בעקאנטע, וועלכע האבען זיך פערזאמעלט מיט 2 שעה פריהער פאר דער פארשטעלונג, כדי זיי זאלען נישט דארפען בעצאהלען די צעהן גראשען איינטריט און ווען זיי האבען דערהערט דעם ערשטען קלינג זענען זיי ארויס אויפ'ן הויף און אזוי ווי קיין בילעטען האט מען נישט געגעבען, קאן מען נישט קאנטראלירען.

איך האב טאקי בעמערקט א גאנצע גרופע בעזוכער, צווישען זיי דערוואקסענע פאניענקעס און יונגעלייט, וועלכע האבען זיך אריינגעגנב'עט אין „טעאטער„ ארייין אהן בילעטען.

איך האב דעם קינסטלער שטארק בעדויערט.

נעכטען האב איך ווידער בעמערקט די רעקלאמע פלאקאטען אויף אנ'אנדערע וואנט פון א צווייטער גאס, וואו זיי מעלדען, אז „דער וועלט-בעריהמטער מאגיקער וועט בעווייזען זיינע וואונדערליכע אטראקציעס אין טעאטער „נאוואשטש“.

דער היטלער אגענט.

אין די שרייב-מאטעריאלען-געשעפטען האט זיך די וואך בעוויזען א יונגערמאן, וועלכער האט געזוכט שרייב-טינט און ווען מען האט איהם געוויזען פערשידענע סארטען טינט, ווי „איסקרא“ און נאך אנדערע האט ער אלץ נישט געוואלט קויפען. ער דארף—זאגט ער — נאר די טינט „פעליקאן“, וואס ער וואלט גערן געקויפט אין א גרעסערען קוואנטום, ווייל זי איז די בעסטע טינט אין דער וועלט.

אזוי וואנדערט דער יונגערמאן פון איין געשעפט אין צווייטען און האלט אין איין זוכען נאר די דייטשע „פעליקאן“-טינט.

כאראקטעריסטיש איז, אז אין איין געשעפט, וואו מען האט איהם געוויזען אנ'איבערגעבליבען פלעשיל טינט „פעליקאן“ האט ער זיך מיט אנ'אויסרייד ארויסגעדרעהט, אז ער וועט באלד קומען און איז אוועק זוכען „פעליקאן“ טינט אין אנדערע שרייב-מאטעריאל-געשעפטען.

עס איז בלי ספק, אז דאס איז א היטלער-אגענט, וועלכער וויל מאכען שטימונג פאר דער באיקאטירטער דייטשער „פעליקאן“-טינט.

די סוחרים דארפען וויסען ווי אזוי דעם דאזיגען „פאצעט“ אויפצונעמען און זיך נישט לאזען פראוואצירען פון א היטלער-אגענט.

סמאל.

פייערליכע ערעפנונג פון רעוויזיא-ניסטען הכשרה-פונקט אין בלעשנא.

אויסנוצענדיג די געלעגענהייט, וואס אין טשענסטאכאוו ווײלט דער וויצע-פרעזידענט פון רעוויזיאניסטישען וועלט-פערבאנד איז אויך געעפענט געווארען דער רעוויזיאניסטישער הכשרה-פונקט אין בלעשנא.

אין צוויי פול - געפאקטע שטאדט-אויטאבוסען האבען חברים און סימ-פאטיקער זיך ארויסגעלאזט קיין בלעש-נא.

נאכ'ן איבערנעמען דעם ראפארט פון מפקד הכשרה שניידט פרעז. גראס-מאן איבער די באנד און דערמיט ווערט דער הכשרה-פונקט געעפענט.

אין פרעזידיום ווערען איינגעלאדען די ה"ה ערליך, קורלאנד און ראזענ-בוים.

אין נאמען פון דער מפקדה בע-גריסט ה' יאניאק און ערקלערט, אז דער הכשרה-פונקט ווערט אנגערופען אויף גראסמאנ'ס נאמען.

ביי דער געלעגענהייט ווערט גע-שאפען א רינג-קייט פאר'ן קרן הכשרה און אויפ'ן ארט ווערט געזאמעלט קנא-פע 100 זל.

א קורצען רעפעראט האלט פרעז. גראסמאן וועגען ענין הכשרה און די אלגעמיינע לאגע אין א"י. אויך דער מיטגליעד פון אקציאנס - קאמיטעט ה' ב. וויינשטיין האלט אנ'אינטערעסאנטען רעפעראט.

עס ווערען דאן געמאכט פאטאגרא-פישע אויפנאהמען און מיט'ן געזאנג פון התקוה ווערט די פייערונג געשלא-סען.

א שבח דארף מען זאגען די יודישע איינוואוינער פון בלעשנא, וועלכע הא-בען א ווארימע בעציהונג צום הכשרה-פונקט און העלפען-מיט, אז די יונגע-לייט זאלען בעקומען בעשעפטיגונג.

שעהנע טהאט פון די טשענסטא-כאווער קצבים.

לויט דער איניציאטיוו פון היגען ראבינאט האבען זיך די היגע יודישע קצבים פערפליכטעט צו געבען יעדער א קילא פלייש מאנאטליך פאר'ן מושב זקנים ובית יתומים.

עס וואלט געווען ווינשענסווערט, אז אויך אנדערע היעגע יודען זאלען נאכטהון דעם דאזיגען ביישפיעל און אזוי-ארום געבען די געלעגענהייט, אז די פון אלעמען בעליעבטע אינסטיטו-ציע זאל קענען האבען א קיום.

נייער לייטער פון דער 5-טער מאגיסטראט-אבטיילונג.

אויפ'ן ארט פון ביז-איצטיגען לייטער פון דער 5-טער מאגיסטראט-אבטיילונג סט. רעפערענט לודאמיר ניעפשעצקי, וועלכער געפונט זיך איצט אויף אורלויב און געהט אריבער פון 1 סעפטעמבער אויף עמעריטור, איז נאמינירט געווארען ה' הענריק יאצקאווסקי, רעזערוו-מאיאר.

די 5 טע אבטיילונג נעמט ארום: די עווידענץ און קאנטראלע פון דער בעפעלקערונג, מיליטערישע רעגיסטרא-ציע, אדרעסען-ביורא, סטאטיסטיק און דעם אפראוויזאציע רעפעראט.

פארטזעצונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון זש. ט. ק.

די פארטזעצונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון זש. ט. ק. וועט פאר-קומען שבת, דעם 8 ליפיעץ, מיט דעם אויסהערען א בעריכט פון דעלעגאטען-צוזאמענפאהר אין ווארשא.

די פערזאמלונג וועט פארקומען אין לאקאל פון דער געזעלשאפט, 8 א זייגער אווענד.

אונטער די רעדער פון אנ'אויטאבוס

דינסטאג איז אויף קארדעצקעגא איבערגעפאהרען געווארען דורך אנ'אוי-טאבוס, וועלכען ס'האט געפיהרט דער שאפער קאזשימיעזש קאמינסקי פון דארף לאנד, די פרוי אננא סאקאלאווסקא (קארדעצקעגא 5), ביי וועלכער ס'האט געפלעצט פון שטויס דער קרייצביין. די פערוואונדעטע איז איבערגעפיהרט גע-ווארען אין שפיטאל, 2 אלעע.

דאס אויספערטיגען די שול-געביידע אויף נארוטאוויטשא.

די נישט אויסגעפערטיגטע גרויסע שולע-געביידע אויף נארוטאוויטשא גאס וועט ענדליך אויסגעפערטיגט ווערען א דאנק דער מיה פון שטאדטישען קאמי-סאר ה' מאזור, וועלכער האט צו דעם צוועק געזאמעלט און געהאלטען אויף א ספעציעלען קאנטא אין דער קאמו-נאלער שפאר-קאסע 100 טויזענד זל.

די צוגרייטונגס-ארבייטען אין דער ריכטונג קומען פאר אין מאגיסטראט שוין זייט עטליכע חדשים און היינט וועלען פערבעטען ווערען צו א קאנ-קורס די בוי-אונטערנעמונגען.

פון די אריענטאציע-פרייז-קאסטען, וואס זענען אין מאגיסטראט צוזאמענ-געשטעלט געווארען, ווייזט זיך ארויס, אז דאס אויספערטיגען דעם בנין וועט קאסטען אונגעפעהר מיט 50 פראצענט וועניגער ווי אין די פוריגע יאהרען.

לויט ווי עס זעהט אלזא אויס, וועט אין עטליכע חדשים ארום די גרויסע און בעקוועמע שול-געביידע קענען אבגעגעבען ווערען צו דער דיספאזיציע פון דער שול-יוגענד, וועלכע האט ביז איצט געמוזט לערנען אין גענוג שווערע בעדינגונגען.

דרייסטע איינברוך-גנבה אין דער היגער קאטעדרע.

אין דער נאכט פון 26 אויפ'ן 27-טען ד. ח. איז אין דער היגער קאטעדרע אויסגעפיהרט געווארען א דרייסטע איינברוך-גנבה. דער רויבער האט אויפ-געריסען די טהיר, וואס געהט ארויס אויף די אגראדאווא גאס און האט אין דער קירכע אויפגעבראכען 5 פושקעס מיט נדבות, צורויבענדיג דאס געלד און איבערלאזענדיג אויפ'ן ארט די צעבראכענע פושקעס.

ווי מען גיט איבער, האט דער גנב קיין סך געלד נישט צוגערויבט, ווייל מיט עטליכע טעג צוריק זענען די פוש-קעס אויסגעליידיגט געווארען.

חוצפה פון א היטלעריסט.

אויף דער היגער באהן-סטאציע האט די פאליציי צונויפגעשטעלט א פראטא-קאל געגען דעם 52-יעהריגען דייטשען אינזשיניער פאול לאנגער פון שעמיא-נאוויץ (אויבערשלעזען), וועלכער האט חוצפה'דיג אין דער דייטשער שפראך געמאכט אנטיפוילישע, בעליידי-גענדע אויסדרוקען.

א מעשה מיט א קאפער מיט געלד

הענריק אימיעלאווסקי (1 מאיא 15) האט געהאט לאנגע יאהרען אנ'אלטען קאפער, וועלכער איז געשטאנען ביי איהם אין קוך. אין דאזיגען קאפער האט ער געהאט בעהאלטען ארום 1500 זל. אהן וויסען פון זיין פרוי. איין טאג ווען איהר מאן איז נישט געוועזען אין שטוב האט די פרוי פערקויפט דעם קאפער א גאסען-הענדלער.

ווען אימיעלאווסקי איז אהיימגעקו-מען און זיך דערוואוסט וועגען דעם האט זיך אין שטוב אבגעטהון חושך. דאס פאר-פאלק האט זיך באלד געלאזט זוכען דעם הענדלער, אבער ביז וואס ווען האט דער הענדלער שוין בעוויזען צו פערקויפען דעם קאסטען. אז מ'האט ענדליך געפונען דעם צווייטען אבקוי-פער, האט דער גאר געהאט דעם קא-פער געבארגט זיין דינסט, וועלכע איז אוועקגעפאהרען אויף 2 וואכען צו איה-רע עלטערן אין א דארף נעבען קעלץ. אימיעלאווסקי האט נישט לאנג געקלערט און ארייגעפאהרען אין דארף אריין, וואו ער האט צו זיין גרויסער פרייד אבגעפונען דאס גאנצע געלד א דאנק דעם, וואס דער קאפער האט געהאט א דאפעלטען דנא.

בלוטיגער סכסוך צווישען א פאר-פאלק.

מיטוואך נאכמיטאג האט אויף קאטע-דראלנא גאס דער 25-יעהריגער ארביי-טער סטעפאן ווילגאש (טארטאקאווא 57) פערוואונדעט זיין פרוי, זאפיא, מיט א מעסער אין פלייצע. דער דאזיגער בלוטיגער טהאט איז א רעזולטאט פון א קריגעריי צווישען מאן און ווייב. די פערוואונדעטע איז איבערגעפיהרט גע-ווארען אין שפיטאל.

צווייטער גרויסער קאנצערט פונ'ם כאר א. נ. פון א. ב. בירנבוים.

שבת, דעם 8-טען ליפיעץ 9 אווענד קומט פאר אין פייערלעשער-זאל דער 2-טער גרויסער קאנצערט פונ'ם כאר א. נ. פון א. ב. בירנבוים אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה' ה. לעוויקא-וויטש.

אין דעם דאזיגען כאר גרופירען זיך די בעסטע און אלעמען גוט-בעקאנטע זינגער פון אונזער שטאדט.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואס דער קאנצערט האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג ביים ברייטען עולם, וועלכער איז נייגיריג צו הערען די שוין לאנג נישט געהערטע זינגער און מען קאן שוין פאראויסזא-גען, אז ד'ער קאנצערט וועט אדורך מיט דעם פערדינטען ערפאלג.

א געוויסע טייל פון דער הכנסה פונ'ם קאנצערט געהט פאר די געליטע-נע יודען אין דייטשלאנד.

פאדפולק. סענקארא פערלאזט טשענסטאכאוו.

די טעג פערלאזט אונזער שטאדט דער פערטרעטער פון אנפיהרער פון 27 פ. פ. פולק. פראנטשישעק סענקארא, וועלכער ווערט איבערגעטראגען אויף דעם פאנטווארטליכען אמט פון קא-מענדאנט פון דעם פ. ק. או. אין ווא-דאוויץ.

לכבוד דעם אבפאהרענדען איז פאר-געקומען א באנקעט, אין וועלכען ס'הא-בען זיך בעטייליגט די מיטגלידער פון בייראט, פולק. ד"ר מיקולסקי, פרעזעס פאגוסלאווסקי, שטאדט-קאמיסאר מאזור און אנד.

בלוטיגע דארפס-טראגעדיע.

דער 25-יעהריגער פראנטשישעק בלי-זשיק איז צוריקגעקומען פון מיליטער און זיך געקליבען צו געהן אונטער דער חופה מיט זיין כלה, די 19-יעהרי-גע מאריא זשיאלאווסקא.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז בעת ער האט געדינט, איז זי געווארען אנ'אנדערענס כלה.

פראנטשישעק האט געפרובט מיט איהר איינצוטענה'ען, ארויפפיהרען זי אויפ'ן דרך הישר – און אזוי ווי ער האט געזעהן, אז די רייד זענען ארויס-געווארפענע – האט ער ארויסגעכאפט א רעוואלווער און געשאסען אין איהר און אין זיך.

זי האט מען א שווער פערוואונדעטע אבגעפיהרט אין שפיטאל און ער איז געבליבען ליגען א טויטער אויפ'ן ארט.

די טראגעדיע איז פארגעקומען אין דארף בודזשיסלאוו-קאשטשעלני.

נדבות אין רעדאקציע.
אהן נאמען 5 זל. פאר בית לחם.

Kìno „Atlantic"
דאפעלטער פראגראם!
OKRĘTY
PUŁAPKI
– און –
WYTWORNY OPRYSZEK
פרייזען פון 25 גראשען.



נידער מיט אונזערע שונאים!
קאראלוכען, פרוסאקען און עהנליכע חיות דאס זענען די פערשפרייטער פון פערשידענע, אנ-שטעקענדע קראנקהייטען. מען מוז זיי גרונדליך אויסראטען נאר מיט דער הילף פון בעסטען ראדיקאלען מיטעל, וואס פערפיהרט נישט און דאס איז
FLURIN
פארערען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדעס.

Szkoła Rzem.-Przemysłowa dla Żydów w Częstochowie
przyjmuje zapisy na rok szkolny 1933-4
do oddziałów: ślusarsko-mechan., stolarskiego i elektrotechn
Zajęcia rozpoczynają się dnia 20 sierpnia b r.
Ilość miejsc ograniczona
Warsztaty szkolne wykonywują zamówienia
po cenach umiarkowanych i na dogodnych warunkach.

URODONAL
Zwalcza reumatyzm podagre piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość
Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

ב'וואלט ביז-איצט נישט
געליטען פון קיין א[illegible]שיסמעס
ווען איך האלט שטענדיג גענוצט
„לעבעוואהל".
פארערט אין אלע אפטייקען און אפט-סקלאדעס
LEBEWOHL
אינלענדישע אויסארבייטונג

„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

גרויס מייסטערווערק
Próba Miłości
מיט דער בעריהמטער מיריאם האפקינס.
אויסערדעם א קאמעדיע אין 2 אקטען און פאראמונט'ס קלאנג-וואך.

ערשטער מוסטערהאפטער
קלאנג-קינא
Nowości
לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.
היינט און ווייטערע טעג.

דאס שענסטע פראנצויזישע קונסטווערק. רעזשי: וו. טורזשאנסקי.
ORLĄTKO
מיט זשאן וועבער, פראנקאן, זשאן בואטעל און ס. וואדרי.
אויסערדעם: פאראמונט'ס קלאנג-וואך.

Redaktor i wydawca: B. Bocian Druk. B. Bocian, Aleje 6